STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00274

# LIDER

Malka Lee

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Harvey Litwin*
*in memory of*
*Joseph & Sylvia Litwin*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org


מלכה לי
לידער
א.גודעלמאן.נ.י.

Copyright, 1932, by
MALKE LEE

שער־בלאַט פון סקולפּטאָר אהרן גודלמאַן

ארויסגעגעבן פון דער
אידישער קולטור געזעלשאפט
צווייג I — שלום עליכם קאָאפּעראטיוו
ניו יאָרק, 1932

געדרוקט אין דער
אָפּ־טו־דעיט פּרינטינג קאָ.,
476 בראָדוויי, נ. י.

# II

# מלכה לי לידער

## לאָמיר גיין

לאָמיר גיין, לאָמיר גיין, לאָמיר גיין
צו אַ ליכטיקן ווייטן פאַרגיין...

עס איז די שעה אַזוי שפּעט, אַזוי שפּעט,
דער מאָרגן שלאָפט אין אַ פייערדיק בעט...

די מענטשן, ווי אויף זיידענע שטריק,
וויגן זיך אום שיכור פון גליק...

איך בין מיט זון און מיט ווינט אַזוי זאַט —
טרייסל דיך אָפּ ווי אַ בוים זיין בלאַט...

בליסטו אויף מיטן פרילינג צוריק —
לעזן דיך אַלע אַרוים פון מיין בליק...

לאָמיר גיין, לאָמיר גיין, לאָמיר גיין
צו אַ ליכטיקן, ווייטן פאַרגיין...

# דו ביזט ניט געקומען

א דינער שוידער האָט מיך דורכגענומען —
קנייטשנדיקע כוואַליעס דורך מיין לייב ;
מיין יעדער גליד האָט בלוי געפליגלט פאַר דיין קומען ;
אויף מיין ברוסט האָבן צוויי רויטע בליטן
אין שניי־ווייסע וואַזעס זיך גענורעט —
און דו ביזט ניט געקומען...

איך האָב זיך שלאָפנדיק געמאַכט ;
הימל האָט מיט בלוי אויף מיר געגאָסן ;
מיינע אָרעמס האָבן ווי פליגל זיך געבויגן,
אין דער שטילקייט זיך צו דיר געצויגן —
און דו ביזט ניט געקומען...

*

ווען די נאַכט קומט אָן — ליידיק איז מיין בעט.
זאַפּן קישנס איין די דינקייט פון מיין לייב,
און מיין הארץ קלעמט אַזוי און וויינט,
ווי פון דער נאַכט אַרויס אַ וויינענדיקע פלייט...

אויגן צינדן זיך אין שוואַרצן רוים,
שטערן ציטערן מיט פלאַטער פון מיין ברוסט.
שטרעק איך מיינע ליפּן ערגעץ אין דער פּוסט
צו דער נאַכט — מיין איינגעפּרעסטע לוסט.

שפּרינג איך נאַקעט צו צום פענצטער ;
מיינע טרערן לויכטן דיר אַ וועג צום קומען —
וויין איך צו דעם סלופּ דעם שטומען,
וואָס האָט מיין עלנטקייט אין דער נאַכט פאַרנומען...

## הײנט בײנאַכט...

דורך שוואַרצע שוואַנגערע בערג
שײלט זיך אויס אַ קױל אַ בלוטיקע — די לבנה.
איך האָב דאָס בעט אַ לײדיקס הײנט געלאָזט.
װי אַ נאַכטיק גרינער רעגנבויגן,
שימעריר איך בײם טײך.

עס װײנט אַ װײנפויגל אין װאַלד,
אפשר דאָרט אַזױ װי איך, פאַרבלאָנדזשעט.
מיט פינגער אויסגעקרימט פון פײן,
רופט זי אימיצן אין נאַכט אַרײן.
דאָ, אין װאַסער, ברעכן זיך לבנה־טעלער...

שוואַרצע שאָטנס גליען איצט אין טײך;
שאָטנס — מוראַדיקע פערד, שטרעקן זײערע קעפּ,
שוימען, שלעפּן זיך פאַר די צעפּ;
קילן מײנע פיס, גלעטן מײנע לענד,
ציען מיך אין הוידלדיקן װאַסער־בעט...

ערגעץ האָבן בערג לבנהס האַרץ אַרײנגענאַרט.
אויף די אַקסלען פון די בערג בעט זיך אויס די נאַכט.
פינצטערע שאָטנלײט באָדן זיך אין טײך,
װי נאָנעס אײנגעהילט אין קרעפּ,
פון די טיפן בלײכן זיך לבנהדיקע קעפּ...

# פֿאַרטאָג

ווער קאָן איינשטילן אַ האַרץ
הינטער לבנהדיקן טרויער ביינאַכט,
אין געשפּאָן פֿון שטילקייט פֿאַרטראַכט?...

וועלט האָט זיך אויסגעגליכן פֿאַר אונדז,
אָטעם האָט זיך אָפּגעשטעלט אין גאַס —
פֿאַרוואָס איז דיין פּנים אַזוי בלאַס?

איך טרינק מאָרגנשטערן מיט מיין טרויער.
מיין מאָרגנשטערן, מיין מאָרגנשטערן!
ערגעץ מוז דאָך זיין אַ טויער...

שפּאַן איבער שטילקייט אַוועק,
וועק ניט די שטילקייט מיט טריט,
לבנה שפּרייט פֿאַר אונדז צווייט...

ווי ציטערדיקע פֿיש אין אַ נעץ,
ווער האָט פֿאַרפּלאָנטערט די הענט
אין שטילקייט פֿון נאַכטיקע ווענט...

## אויף ליידיקע גאַסן...

ביינאַכט אויף ליידיקע גאַסן,
ווען שטילקייט דרימלט ביי ברעגן,
גייט איינע דער שטילקייט אַנטקעגן.

טויט איז די גאַס שוין געלעגן,
זי, אַ לופטיקער וואָלקן אויף וועגן,
מיט לעבן — דער טויטקייט אַנטקעגן...

ווען אַטעם צאַנקט אין די גאַסן,
ווערט אין שטיבער געבוירן דאָס לעבן:
איינע מיט איינעם דערנעבן...

איינע מיט איינעם דערנעבן,
שפּינט זיך אין פֿינצטערניש פֿעדים,
פֿעדים — פֿון קומענדן לעבן...

די גאַס ציט זיך, ווי אַ ווייסער געלעגער,
עס רוט איצט דאָס ראָד פֿונם וואָגן;
באַלד וועט דער טאָג ווידער טאָגן...

# די בריק

אוונט שניידט די טריט ווי מיט א זעג,
ווייט און ווייס איז היינט דער וועג.
ווײנט עס פרייד דורך מיר, צי שרעק?

עס ציט די בריק — א גאלדענער קאמעט.
אין טייך טובלען זיך ווייטע שטעט
פרום, ווי איך אין א געבעט...

וואסערפאלן אין שוימיקן געוועב, —
כלות רייסן שלייערן פון זייערע קעפ,
און פארגייען אין די וואסער־טרעפ...

פארשייטע געשטאלטן ראנגלען זיך אין טייך,
רופן מיך, רופן אין טיף,
מיין גוף — א שיכורדיקע שיף...

# באלײדיקט

דו האָסט זיך איבער מיר געבויגן —
סאַמעט פֿליגל זײַנען אָנגעפֿלויגן,
געגלעט מײַן פּנים מיט וויִעם פֿון דײַנע אויגן...

האָבן ווײַסע דעכער זיך געוויגט אין שטויבן,
הײַזער האָבן זיך אין וואַסער־בערג געבויגן —
אונז מיט זיך אַראָפּ, אַראָפּ געצויגן.

מײַן קאָפּ איז אויסגעבויגן ווי צום שעכטן,
איך בין באַלײדיקט נאָך פֿון נעכטן,
און בעט אויפֿסנײַ, מײַנע צעפּ צעפֿלעכטן...

# מיט פיין און מיט פראָסט

איך היט אָפּ יעדן ריר פון דיין האַנט,
איך היט אָפּ יעדן גלעט פון דיין בליק,
ווי אַ מאַמע, וואָס וואַכט בײַ אַ וויג...

עס האָבן אַנדערע געזוכט מײַנע הענט,
אויף מײַן האַלדז געשפּיזט זייער בליק —
מײַן לעבן פאַרקניפּט מיט דיר ווי מיט שטריק...

איך גיי אום מיט שטילקייט און פּיין
און וויל אויפגיין ווי ערד הינטער פראָסט,
דורך דיר — ווי פרילינג אין קנאָספּ...

# ווי אין חלום

עפּעס צי איך זיך היינט ווי אין חלום,
איך בין שענער און בלויער פון מאָרגן,
די שטוב — אין ווייסע קישנס פאַרבאָרגן...

עס בליט די נאַכט נאָך אויף מיין פּנים,
די לופט מיט טולן און שלייערן;
איך צי זיך ווי אין בלויע פייערן...

איך בין אַ שפּיגל מיט ליכטיקע אויגן,
דו שפּיגלסט זיך דורך מיר אין ציטער;
איך וואַך אויף — דער שפּיגל אין שפּליטער...

# פרוי

. . . זאָל ווערן פינצטער!
וועט די נאַכט זיך לויטערן פון אונזער לייב,
אונז דינער איינוועבן אין איר געוועב...

איך קאָן אויסזינגען געזאַנג פון אַלע וועלטן,
איך קאָן אויסוויינען געוויין פון אַלע צעלטן,
אָבער ניט דעם פיין פון איינציגע מינוטן...

מיינע ליפן פלעכטן זיך אין ליפן,
מיינע ציינער בייסן זיך אין ציינער —
ווער־זשע איז פון אונז דער איינער?

איך האָב ארויסגעריסן זיך פון זיך,
ווי מען רייסט אַרויס אַ קינד צום לעבן,
איך האָב זיך דיר אַוועקגעגעבן...

איך וועל זיך וויקלען דורך די נעכט אין טרערן.
מיט דיין שטאַרקייט — שטאַרקער ווערן,
מיט דיין גוטסקייט — בעסער ווערן...

איך האָב דיך ליב — דיין שטילקייט ברייגנט רו!
ביזט איינגעהילט אין זיך ווי אין ווענט.
איך טרינק די ערלאַכקייט פון דיינע הענט...

אָבער איך בין בויגיק ווי אַ בייטש אַ בויגיקע
זינדיק, זינדיק ווי אַ פרוי —
ניט זינדיקער פון אַלע פרויען...

איך האָב די הענט, אין טוי געקושטע, אװעקגעגעבן,
איך האָב פאַרזייט מיט זיי בלומען אויף די װעגן,
װעלן בײנקענדיקע שטראַזן אײנזאַפּן דעם סוד פון לעבן...

איך קאָן ניט קוקן קיינעם אין די אויגן!
זע נאָר שטענדיק: אויגן, אויגן —
שוואַרצע, שוואַרצע רעגנבויגן...

דורך די נעכט איך קאָן ניט שלאָפן:
אויגן שוואַרצע שטראָפן, שטראָפן,
פּײַנען מיך — איך קאָן ניט שלאָפן...

װעבט די נאַכט מיך איין אין לײַלאַכער־טומאַנען.
אויף ברייטע שפּיגלען — שוואַרצע טראָטואַרן
שפּרייט זיך אויס פאַר מיר א שאָטן...

. . . זאָל װערן פינצטער!
מיט מיין אָטעם װעל איך רויטע קװייטן שפּינען,
װעט זיך אַלץ װי קװעקזילבער צערינען...

# ביזט דאָ...

מיינע באָבעס האָבן געהאַט אַ גאָט,
פֿלעגט ער זיי אויף אַלע טריט באַגלייטן.
און דו ביזט מיט מיר אין אַלע צייטן.
ביזט אַ יונגער גאָט מיט שיינקייט.
איך קוק אויף דיר מיט אויגן שטרייפֿן —
וויפֿיל נעכט אויף מיינע ליפּן רייפֿן...

*

אָפּטמאָל בין איך אַ פֿאַרשעמטע נאָנע:
איך קני און האָב ניט קיין אַלטאַר.
איבער מיינע אויסגעבלייכטע הענט ביזטו האַר...

אָפּטמאָל, ווי אַ צוימערן פֿון טיגער,
צוים איך פֿאַר דיר אַלע מיינע נעכט
אין איין פֿלאַמיקן געפֿעכט...

און אָפּטמאָל גיי איך שווער און מיד,
דו פֿלעכסט זיך איין אין מיינע טריט,
איך וויים — ביזט דאָ, איך זע דיך ניט...

# הימל־ים

הימל־ים, און די בערג ווי אינזלען.
וואָלקנס,—ווייסע קאַטשקעס,—האָבן אויסגעפּיקט זיך פונם נעבל,
ערשט געבוירענע, מיט געלע פּאַטליעס, שוועבן זיי און שוועבן...

עס האָט געלייגט צופוסנס זיך דער טאָג, און די נאכט צוקאָפּנס,
און די ערד איז גוט געווען צו מענטשן —
נאָר פויגלען זיינען אַזוי יאָמערלאך געפלויגן פון די נעסטן...

האָב איך, ווי זיי, געלאָזן היינט דיין זיים.
ווי דער שאָטן פונם בוים, שטילקייט איבער מיר פאַרשפּרייט,
שטילקייט פון דער ערד ווער קאָן דען מעסטן...

קומען שניטער, געברוינטע פון דער זון,
מיט שוואַרצע נעסטן אין די אויערן.
בוימער שפּאַנען מיט זיי אַוועק, ווי יונגע פויערן...

אַלע טיילן פון דער ערד זיינען היינט מיין שטאַט.
פעלדער ווארטן מיט שפע אָנגעלאָדן,
בעטן זיך צום שניידן, ווי לעקעד און ווי פלאָדן...

די שטילקייט, ווי אַ רעגן, זיפּט זיך דורך מיין מוח.
אַלע שטאָט רעדער ליגן דורך מיר איינגעשטילט.
ערד איז ווייט און ברייט מיט אוצרות אָנגעפילט...

## דערוואַרטונג

דו, דיין פרוי, דיין קינד מיט אַ לאַבן ברויט,
און איך — מיט טאָג און מיט נאַכט פאַרטרויט...

דיין קינדס קעפּל שמעקט מיט גרינקייט פון מירט,
און איך בין מיט טרויער, ווי אַ שיכור מיט ספּירט...

מיר זיצן דאָ אַלע צוזאַמענגעקנוילט
און צופּן דאָס הארץ פון לאַבן ברויט...

איך זע דיך אַ פויער מיט צעאַקערטער הויט
ביים זון־פאַרגאַנג עסן זיין ברויט...

אויפן הימל לויכט אויף אַ לאַבן ברויט.
שטערן — גאָלדענער קימל באַשיטן דאָס ברויט...

רוקט זיך די נאַכט אויף אונזערע קעפּ,
שפּאַנט ווער צו מיר אויף גאָלדענע טרעפּ...

די ערד מיט אָוונט, מיט גרינקייט צעבלימ,
קומט ווער צו מיר מיט נאַכטיקע טרים...

ער קומט צו מיר מיט שטויב און מיט ערד,
פון ווייטע וועגן צוריקגעקערט.

צוויי מענטשעלאַך שפּאַנען אַרוים פון מיין בליק
און טאַנצן אים אַנטקעגן אויף גאָלדענע שטריק...

איך שייל זיך אוים — פון אַלץ אָפּגעמעקט,
און ווער מיט ווייט, מיט נאַכט צוגעדעקט...

ווי אַ פאַרוואונדעטער, מיט געשריי אויף אַ שלאַכט,
ווער איך צוזאַמענגעגאָסן מיט נאַכט...

און איך לאָז זיך אַראָפּ אַזוי אויף די קני:
נאַכט, טרינק מיך אָן מיט שלאָף ביז אינדערפרי...

## אין מיין גאָרטן

איך קוק אין דיר — באַרג אַראָפּ ווי אין אַ טאָל —
זע דיך דורכזיכטיק, ווי דורך קרישטאָל...

זיך אויפגעבונדן ווי בלויע פעלד־בלימלאַך פאַר דיר,
מיטן אָוונט ווידער איינגעשלאָסן זיך אין מיר.

זיך אָפּגעצאַמט אין מיין טורם — הינטער שלאָס,
ווי ווינטער־בלומען הינטער דאַך פון גלאָז...

איצט בין איך שאַרף און שניידנדיק ווי גלאָז,
שפּיל פון זון קאָלירטן ראָז...

קום ניט צו! טרעט ניט צו!
אין מיין גאָרטן האָב איך רו...

## אין וואַכעניש

בין איך אַזוי מיד, אַזוי מיד,
ווי מיין איינגעשלאָפן ליד...

איך ליג מיט צעשטויביקטער לוסט
ווי דער בוים מיט זיין אויסגעשיילטער ברוסט...

ערגעץ שלאָפסטו אין מיר, אין מיין ווײ,
ווי אום ווינטער דאָס גרין הינטער שניי...

אין פינצטערניש וואַך איך און וואַך,
ריים מיט שפּיצפינגער די נאַכט...

וויינט אין נאַכט דאָ מיין שוועל,
בלייכט זיך מיין בעט ווי ווייס מעל...

וואַרף איך ווי בליצן די הענט,
לאָכן די שטערן אין בלענד...

לעש איך זיך אויס אין מיין קלעם,
אַזוי ווי דאָס ליכט אין זיין ברען...

בין איך אַזוי מיד, אַזוי מיד,
שלעפּער דיך איין אין מיין ליד...

## שאָטן זיך איין

איך האָב געזען אַ בוים מיט דאַרע הענט.
מיט עלנבויגנס האָט ער זיין גוף פאַרשטעלט,
פון אייגענעם שאָטן פאַרברענט...
אַלע דעכער צוגעדעקט מיט נאַכט.
פון שויבן האָט זיך געגאָסן וויין —
הינטער יעדן ציגל פאַרמויערט געוויין...

היינט בין איך אַ נאָדל-בוים.
אַלע מיינע נאָדלען האָבן זיך געשפּיזט אַנטקעגן מיר צוריק,
איך בין אַנגעטאָן אין גרינע מעסערלאַך פון דיין בליק.
שאָטן זיך איין, שאָטן זיך איין...
זאָל די נאַכט היינט געהערן מיר אליין —
איך בין דער בוים אויסגעטריקנט פון זיין וויין...

# זון פאַרגאַנג

צו אַ ווייסן שטיבל בין איך דערגאַנגען,
וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון מיטן פעלד.
מיט אַ פאַרקלערטן שטערן שטוינט עס צו דער וועלט...

אין גרינע שאָלאַכצן האָבן קוקורוזעס זיך געסודעט,
גראָזן ווילדע — אין אַ טרויער טאַנץ צעהוליעט,
צו מיינע פיס האָבן געלע זאַנגען זיך געטוליעט...

שפּיצן בערג זיינען אין רויטער זון צעגאַנגען,
פיאָלעט אין ראָז, לילאַ־גרין האָבן פאַרביק זיך געביטן —
איך אַ רויטער פלאַם — צווישן הימל־ערד אין מיטן...

איך האָב צעווײנט זיך פאַר דער זון—זיך תפילהדיק צעזונגען:
איבער פייערדיקע בערג פון רויט־רויטן פלאַם
האָב איך צעריסן צווישן מיר און זון דעם צאַם...

אויפן הימל האָט לבנה ווי אַ זקנה זיך געקאָרטשעט,
אייביקייטן האָבן אין לאַמטערנעס זיך צעצונדן,
ביים אונטערגאַנג האָט גאָט פאַר מיר זיך אויפגעבונדן...

וועלדער האָבן זיך פאַרשטיקט אין אָוונטיקער מורא, —
נאַכט האָט פאַרשטומט, פאַרלאָשן אירע אויערן,
האָט זיך פינצטערניש אין פינצטערניש פאַרלוירן...

## ניטאָ אַזאַ וואָרט

ניטאָ אַזאַ וואָרט — איך וואָלט דיך בענטשן געקאָנט,
און איך האָב דיך געשאָלטן, מיין גאָלד...

געוואָלט דיר דערציילן פון ליבשאַפט און פרייד,
און אויפן צונג זיינען געקומען ביטערע רייד...

געזאָגט האָב איך — ביזט מיאוס און ניט שיין,
און געוואָלט דיר אויסקושן דאָס ווייס פון די ציין...

איך האָב געשאָטן רייד, אין שפילקעס פאַרקליידט,
און ווי שוועבל צו פייער, האָט צו דיר געצויגן מיין לייב...

דו האָסט געשוויגן. מיט וואונדער געקוקט.
איך האָב דיך געשאָלטן — פאַר דיר זיך געבוקט...

ניטאָ אַזאַ פיין — ווארפן אַ שטיין,
ווען ער פאַלט צוריק אין הארצן אריין...

מיין מויל ווי אַ וואונד — און אויגן מיט פראָסט,
ווי אַ סטאַטוע אין מיטן שטוב דיך געלאָזט.

ניטאָ אַזאַ וואָרט — איך וואָלט דיך בענטשן געקאָנט,
און איך האָב דיך געשאָלטן, מיין גאָלד...

# מיין ליבער

**אהרנען**

מיר איז גוט מיט דיר, מיין ליבער,
זיין אַלעמאָל מיט דיר צוזאַמען.
איך זיץ מיר אין קיך און שרייב לידער;
דו — ביי זיך אין שטוב, שרייבסט דראַמען.

ברייננסט מיר צו לייענען טיילן,
און עס זינגען צו דיר מיינע גלידער,
מיט אויגן שטראַלנדיקע נעם איך לייענען,
און בעט דיך, גיב אַ קוק אויף מיינע לידער.

איך האָב זיי אָנגעשריבן אַט אַזוי ביים קאָכן —
מסתמא ניט קיין גוטע, זאָג מיר, ליבער...
עס איז יום טוב, אינמיטן אינדערוואָכן —
ווי אַ ווייַנטרויב בין איך פול מיט לידער.

איך הער זיך צו צו דיינע רייד ווי אין פיבער,
דו זייסט פאַר מיר בילדער ווי אַ גערטנער,
רעד צו מיר, רעד צו מיר, ליבער!
די זון וועבט אריין איר גאָלד אין דיינע ווערטער...

# II

# געזאַנגען — רות

## א.

זיינען געגאַנגען דריי ווייבער
מיט פֿאַרצאָגטע פֿאַרשעמטע לייבער.
יעדע האָט אַ מאַן געהאַט —
האָט טויט דעם מאַן אַוועקגעריסן.
יעדע האָט פֿרייד געהאַט —
האָט טויט די פֿרייד מיט זיך געריסן...
ווי אַ שוואַרצער זייל שפּאַנט נעמי.
הינטער איר טוניק האָבן ווינטן געיאָמערט,
אירע קליידער ווי שוואַרצע זעגלען צעפֿליגלט —
מיט ליפּן — טרוקענע פֿעלדער פֿאַרברענט,
מיט אויגן — גלאַנציקע טייכן צעשפּיגלט.
זיינען געגאַנגען דריי ווייבער מיט אומקום און פּיין —
מיט טרוקענעם מדבר־געוויין...

## ב.

צווישן צוויי בערג ליגט שטאָט בית־לחם אינמיטן.
זיינען זיי צו לאַנד יהודה געשריטן.
זון האָט געפּלאַמט מיט קופּערנעם שאַרלאַך,
האָבן זיי זיך אויסגעשפּרייט אויף גאָלדענעם ליילאַך.
נעמי האָט אויפגעלויכטן ווי אַ פייער זייל,
מיט דאַמף פון ערד האָט געשווימט איר קול:
— די ערד, אַ הונגעריקע, האָט מאַן און זין פאַרשלונגען,
וועל איך מיין קול פאַר הימלען אָפענע צעקלינגען,
אויסשלייפן אַ קלאָג:

טעכטער מיינע!
קערט אייך אום, קערט אייך אום!
עס האָט די בליאונג פון מיינע זין
זיך ניט צעשפּילט דורך אייערע לייבער;
נעמט אייך זין פון אייער שטאַם,
לאָזט מיין וועג אליין מיך גיין,
דער טוי וועט פול ווערן פון מיין פּיין,
דער בוים וועט מיך איינהילן אין שלאָף,
אין די ווייכע בלעטער פון זיין גוף;
הינטער מיר וועט אויפשלאָגן די ערד
אין פרוכטבאַרקייט, אין בלי,
ווי דורך פּרעה׳ם חלום, די זיבן פעטע קי,
און, ווי אַ לויכטנדיקער פיש,
וואָס לויכט דורך בלינדקייט אין זיין שווים,
וועל איך פאַרשווינקט ווערן דורך אייביקייט
צוריק צו מאַן און זין...

## ג.

רות׳ס קול — געזאַנג איבער בערג,
וואָס קלאַפּט זיך אָפּ אַ מידן וואַנדערער אויפֿן וועג.
רות׳ס הענט — געפּאַך פֿון פֿויגלען,
וואָס ציען מיט באַגילטע פֿליגל איבער שפּיצן בערג.
רות׳ס קול האָט זיך אַ הויב געטאָן, ווי אַ געוויטער,
מיט אירע צעפּ אַ פּאַך געטאָן—ווי מיט צעבייטשטע ריטער,
אירע רייד זיינען געפֿאַלן ווי האָגל־שפּליטער:
— עס האָט פֿון דיין זון קיין איבערבלייב
זיך ניט צעשפּילט דורך מיין לייב!
ביזטו פֿון אים דער איבערבלייב —
און איך זיין ווייב...
וועל איך פֿאַרוואָרפֿן מיינע הענט אויפֿן ווינט,
אויסזינגען אַ קינד!
וועל איך פֿאַרוואָרפֿן מיין וואַרעמקייט דער זון
אויסזינגען אַ זון!
ווי פֿון שניטער אַ פֿאַלנדיקער סנאָפּ —
וועל איך פֿאַרוואָרפֿן אויף צוריק מיין קאָפּ,
לאָז מיך ניט מיט מיין צער אַליין,
קום, לאָמיר גיין, לאָמיר גיין!
דיין טרויער איז מיינער,
דיין געשריי איז מיין געשריי,
די ערד וואו דו טרעטסט וועל איך טרעטן,
און ווען באַרג וועט זיין דיין איבערדעק —
וועט באַרג מיך אויך פֿאַרדעקן...

*

ערפּה, נאָכן רוף פֿון איר יונגן לייב
איז נאָכגעגאַנגען איר שוויגערס רייד;
רות, ווי אַ לייבין נעבן אַ מאַמע לייב,
איז מיטגעגאַנגען מיט נעמין זייט ביי זייט...

## ד.

דאָס פעלד איז געלעגן געוואָרן
מיט גאָלדענעם גערשטן און קאָרן...

דורך טרערן האָט זון אויף גערשטן געקוקט;
שניטער־יונגען אויף סערפּן געבוקט...

אויף גאָלדענעם פעלד הענט צעשפּילטע ווי פונקען
אַ געזאַנג פון זון אויף סערפּן צעזונגען...

רות הינטער שניטער, פון הונגער געטריבן,
האָט גערשטן פון בועז'ס פעלדער געקליבן...

בועז מיט רויטער באָרד איז אין פעלד אַרויס,
רות האָט געקליבן גערשטן אין איר שויס...

הענט האָבן געבונדן גערשטן אין גאַרבן,
ערד האָט געקושט אירע טריט מיט קאַרבן...

אין בועז'ס אויגן אַ שוואַרצקייט געטוקט —
אַ פרויען גוף אין שוואַרצאַפּלען בוקט...

רות — אַ וויינענדיקע ווערבע צו דער ערד געבויגן,
בועז ווי אַ קוואַל האָט געטרונקען אירע אויגן...

געבענטשט איר טואונג, געבענטשט איר קומען!
איר צער, דורך איר יעדן בויג פאַרנומען...

סערפּן, ווי פייערפויגלען, אין שוואונג צעשוואומען,
איבער קעפּ געבויגענע צעפליגלט רות'ס נאָמען...

ווי פאַר אַ תפילה האָט שטילקייט געניגערט —
אַלעמען אויף גאָלדענעם פעלד פאַרברידערט...

## ה.

שטילערהייט איז רות געקומען,
בועז'ס געלעגער ביים שייער פאַרנומען...

איר לייב מיט פולקייט, ווי זאַנג פאַרן שניט,
מיט צייטיקן גערשטן איר אָטעם צעבליט...

אירע ציין — שמעקנדיקע מאַנדלען אויסגעשיילט,
מיט נעגל־וואַסער ראָזע שטיינדלאַך געפיילט...

בועז האָט לויכטנדיק צום שייער גענענט —
איבער זיין קאָפּ לבנה צעהעלט...

מיט געזונטע און ערדישע טריט,
מיט שלאָף און מיט וויין אין יעדן גליד...

הימל האָט מיט אָפענע אויגן געדרימלט —
רות דורכזיכטיק מיט שטערן צעבלימלט...

די גאַרבן, ווי געבונדענע מיידלאַך פאַרקלעמט,
מיט זילבערנע האָר פון לבנה צעקעמט...

רות מיט נאַכט און לבנה אין העמד
האָט צופוסנס זיין געלעגער גענענט...

שאַקאַלן האָבן אין שטילקייט געקלאָגט
און די שטילקייט האָט אַזוי געזאָגט:

## ו.

לייז מיך אויס, בועז!
טויט האָט פליגל אויסגעשפּרייט,
מיך פון מאַן צעשיידט...

לייז אויס געשטאָרבענעם
פון מיין זאָמען,
שטעל אויף זיין נאָמען...

מיין לייב איז מיט מאַן
פאַרקניפּט אין אַ קייט —
טויט האָט אונז צעשיידט...

מיין לייב איז חורבן —
אָטעמט אַלע ווינטן
בין מיט טויט פאַרבונדן...

לייז אויס מיין שטאָט,
וואָס האָט פון אייגענער ערד
זיך אָפּגעקערט...

לייז מיך אויס, בועז!
מיינע אויגן דורכגעווייקט מיט נאַכט
מיד, מיין גוף ווי פון אַ שלאַכט...

## ז.

עס איז די נאַכט פול און שיכורדיק,
ווי אַ בעט פון זייד, מיט שטערן אויסגעשטיקט.
לייז זיך אויף אין מיר כשופדיק —
ווי דאָס געזאַנג פון נאַכט,
וואָס לייזט זיך אויף באַגינען...

עס איז דיין האַרץ ברייט און טאָוולדיק,
ווי די לוחות מיט גאָטס וואָרט אויסגעקריצט —
שפּאַר איך אָן מיין קאָפּ אַזוי־אַ שלאָפנדיק —
דורך דיין האַרץ שלאָגט אַרוים גאָטס וואָרט,
וואָס האָט אין פינצטערניש אויפגעבליצט...

*

ווי נר־תמידן צינדן זיך מיינע ניפּלען,
הינטער זיי, מיין ליבשאַפט — שלאַנגנדיקע קוואַלן,
גיסט צו דיר זיך איבער אין שוימענדיקע וואַלן;
הויל געזאַנג אין מיר פאַראַן —
זינג אַרוים דורך מיר, מאַן!

אין אַלע פאַרבן זינגט מיין בלוט;
אין דער פאַרגייענדיקער זון שפּיגל איך זיך אָפּ.
אינם רויטן ווייַן שפּילט מיין בלוט —
איך האָב זיך אָפּגעריסן — אַ פאַלנדיקער שטערן —
אין דיר פאַרלאָשן ווערן, אין דיר פאַרצערט צו ווערן...

## ח.

פֿאַרהייליקט זאָל ווערן געלעגער דאָ ביים שייער,
אַלמנות איינזאַמע זאָלן איינשלאָפֿן אין פֿריד,
זאָל דאָס שטערן־ליכט פֿאַר כּלות אויסוועבן אַ שלייער,
פֿול לבֿנהדיק אָנגעגאָסן יעדער גליד...

זאָל די נאַכט צעבלאָזן אָטעם מיינעם איבער וועלט!
אַ וויג זאָל ווערן יעדער טייך —
עקרות, מיט דער ביינקשאַפֿט פֿון צעוויגטע הענט,
מיט טראָגשאַפֿט אויפֿגיין זאָל דער טאָג אין אייך...

זאָל מיין תּפֿילה אויפֿגיין ווי דער נעבל אינם טאָל
מיט דער וואַרעמקייט פֿון לייב וואָס שוימט אַרויף.
פֿאַרשמעלצן מיט פֿאַרזעסענע און עלנטע מיין קול —
צו אייך! ווי דער נעבל פֿונם טאָל גיי איך אויף.

## ט.

ווען גרינע בערג האָבן אין בלויקייט זיך געוועקט,
האָט טאָג זיי אויפגעדעקט.
דאָס ליכט פון שטערן — אין זייער לייב פאַרקלעמט —
זיי אויסגעלאָשן איינציקוויז איבער וועלט...
זון האָט לבנה־פנים ווי אַ מאַראַנץ אָפּגעשיילט,
איר ליכט אויסגעזויגן — דער וועלט עס צעטיילט...
דער טוי האָט ווי גרויע שאָף אויף בערג געשפּאַנט —
זינד און ליבשאַפט האָט אין מזרח אויפגעפלאַמט...
בועז, מיט ליבשאַפט, ווי דאָס הארץ פון דער וועלט,
האָט פון זיין צונג פייערדיקע רייד אויסגעברענט:
— פאַרהוילן זאָל ווערן פאַר דיין באַפרייער,
אַז פרוי איז געקומען ביינאַכט אין שייער,
מיטן ווייסן טאָג וועל איך אַוועק צו די טויערן
דיך אויסלייזן ניי־געבוירן...
זיין קול איז פאַרקילט געוואָרן ווי אַ דונער
רות׳ס אויגן, צוויי טראָפּן נאַכט אין אַ ברענענדיקן זומער...

## י.

צעאַקערט די הויט פון בועז,
ווי די ערד פון יאָרן,
זיין שטים לויטער — ווי אויף בערג דער האָרן!

זיין קאָפּ פלאַטערט ווי רויטער מאָן
מיט קרויזן — וואָלקנס פול זון,
מיט רויטער באָרד — אַ פלאַטער־פאָן...

אַלע צייטן שלאָגט די ערד מיט זאָמען,
ביי אַלע ווינקלען גייט ער מאָנען
געשטאָרבענעם אויפשטעלן זיין נאָמען...

ווי דעם פאַסטוכס שאַלן
וועט זיין באָרוועס וואָרט
איבער אַלע טאָלן פאַלן...

## י״א.

געגאַנגען איז רות אַזוי מיד,
אין די טריט פאַרפלאָנטערט אַ ליד...

צו וועמען איז רות איצט אַ ווייב?
פוןביידן צעשיידט איר לייב...

צו וועמען געהערן די הענט?
זשאַר פון נאַכט אין זיי ברענט...

צו וועמען געהערן די פיס?
געשאָנקען צו אַ נאַכטיקן ריז...

צו וועמען געהערן די צעפּ?
צעהאנגען אין טרויער ווי קרעפּ...

ווי אַ פויגל מיט דער פּייל ווען ער פאַלט,
וועט זי פאַלן פּאַר נעמים געשטאַלט...

זיך שפּרייטן ווי אַ שאָטן אויף דר'ערד —
זאָל זיין וואָס איר איז באַשערט:

### י"ב

זיין דער ווינט — אָן אַ פּנים
קרייזן זיך דורך ווינקלען פיר.
זיין די פרוכטבאַרקייט, דער זאָמען,
זיין אייביקייט — דורך איין באַריר...

זיין דער רויש פון נאַכט אין וועלדער,
זיין דער אורשפּרונג — זיין דער שטאַם.
זיין דער בליץ אויף שוואַרצע פעלדער;
זיין דער שייטער — זיין דער פלאַם!

זיין דער האָניק — דער גיפט פון בינען,
זיין דער שוואונג — און אָן אַ זין.
ווי אַ שטראַל פאַרלירן זיך — געפינען
און מער ניט וויסן ווער איך בין...

זאָל דורך אויגן מיינע זון אויפגיין.
זיין דער וואָלקן צעשפּילט אין רויט —
און אינם אויסגעשריי פון פאַרגיין
זיין דער קוש פון טויט...

## י״ג

אוי, אויסגעקויפט מיין לייב!
פאַר גאָט און פאַר לייט —
דו האָסט גענומען מיך פאַר אַ ווייב...

מיט דיין קול, ווי מיט אַ פּלייט,
האָסטו געשיקט דיין פרייד —
דו האָסט גענומען מיך פאַר אַ ווייב...

האָט טויט מיך שוין באַפרייט? —
אָדער, ווער ס'האָט לייב מיט מאַן געטיילט
קאָן קיינמאָל מער ניט זיין באַפרייט...

איך האָב צעריסן יענע קייט,
זיין ליבשאַפט אין דיר פאַרזייט
ווייל — דו האָסט גענומען מיך פאַר אַ ווייב...

אוי, טויט איז טויט.
דאָס לעבן זינגט צעבלויט —
אויף טויט ווערט לעבן אויפגעבויט...

ביים שייער אַלע פעדים אויסגעשפּינט.
שיינק מיר אַ קינד, פון דער נאַכט אַ קינד —
זאָל ניט יאָמערן דורך מיר די זינד...

אוי, דער דור דורך אונז פאַרזייט
וועט אויסזינגען דעם צער, די פרייד —
ווייל — דו האָסט גענומען מיך פאַר אַ ווייב...

# III

מלכה לי

# לידער

מיין מאַמען — אַ מתנה

## קינדער מיינע

דורך די נעכט —
בלאָנדזשען שאָטנס אויף מיין בעט,
טאַנצן, שווינדן אין אַ בלוי געוועב,
און די אויגן מיינע אין אַ שטום געבעט:
קינדער מיינע, קינדער...

דורך די נעכט —
שווימען בלויע קינדער אויף די ווענט,
נעסטן זיך אין די קנייטשן פון מיין העמד...
פלעכט איך מיינע אָרעמס,
וויג זיי אויף די הענט:
קינדער מיינע, קינדער...

דורך די נעכט —
צוקן לעבנס אין מיין יעדן גליד,
זונען צינדן זיך אין מיין געמיט,
דינע ליפּעלאַך זויגן אַזוי ליב:
קינדער מיינע, קינדער...

# פרימאָרגן

פרימאָרגן בלוי —
זינגט אין מיינע פענצטער טוי,
אין די ווינקלען שטאַרבט די גרוי,
צינדט די זון זיך אין דעם טוי...

וואַרפט די זון אירע לאַנגע צעפּ,
קעמט זיי, פלעכט זיי אויף מיין בעט.
וואַכט מיין אינגעלע אויף און זעט:
צופּט זי לאַכנדיק פאַר די צעפּ...

ווער איך שיכור ווי די זון,
כאַפּ מיין קינד און טאַנץ ארום,
קוש איך מיר מיין קינד אַזוי
ווי די זון דעם מאָרגן טוי...

## דאָרף און שניי

זי איז ארויס אויפן שוועל
מיט צוויי זיידענע צעפּ.
די גאַס — ווייסע מעל,
מיט קישנס — די טרעפּ...

ער איז געקומען צוגיין
מיט ווינט אין די האָר,
געגאַנגען אין צווייען;
ער — צוועלף, זי — ניין יאָר.

הינטער די טריט
האָט שניי געוויינט...
שניי האָט געבליט,
מיט טרערן צעשיינט...

אין לבנה־ליכט מילראָד
האָט שטיל זיך געדרייט,
זיי האָבן געבעטן צו גאָט
מיט ליפּן אָן רייד...

אין ווייסן די וועלט
פאַר זיי אויסגעשפּרייט,
ליכטיק צעהעלט,
מיט בלומען פאַרשנייט.

מיט הענט פאַרקלעמט
האָבן זיי זיך צעשיידט,
מיט אויגן פאַרשעמט
אין דער ווייט, אין דער ווייט...

# שטויב

גרויע גאַסן.
רייפֿן שטויבן־טאַנץ,
קאַלטער אויגן־פּיין,
בלויע רינגען — רעגנבויגנס.
בליצן אויגן אין די שטויבן,
רויטע ליפּן — געפֿאַרבטע סטענגעס
קלאַנגען־פּיילן נאָך די בליקן
מיט די שטויבן — אין שטויב אריין...

קינדער ליגן
אין ווייסע וויגן.
שטילע טויבן דרימלען איין.
רייפֿן שטויבן,
מענטשן־ליאַלקעס,
רינגען־אויגן,
סטענגעס־ליפּן,
אַלץ מיט שטויב — אין שטויב אריין...

# פֿאַרנאַכט — דאָס פֿאַסטוכל...

פֿאַרנאַכט — דאָס פֿאַסטוכל אײַלט זיך איבער װעלט
און טרײַבט צום שלאָפֿן פֿאַװעס זון באַהעלט...

פֿאַװעס — רעגנבױגנדיקע קרױנען פֿעכערדיק צעשטעלט —
שימערירן מיט די פֿליגל, צעלױפֿן איבער װעלט...

פֿאַרנאַכט — דאָס פֿאַסטוכל, מיט אַ קעפּל רױט װי זון,
מיט אַ בײַטשל גאָלד, יאָגט און יאָגט זײ אָן...

אױפֿן הימל אין גאַלאָפּ פֿײַערדיקע פֿערד
מיט װיאַשקעס גאָלדענע נידערן אױף דער ערד...

שװימען אינדיקעס אױף כמאַרעס װײַס און געל
אין די קריליעס גאָלד, אין די אױערן קרעל...

פּױערים מיט האַרמאָניקעס קומען אָן פֿון פֿעלד,
אױפֿן הימל איז אַ חתונה — טאַנצט די גאַנצע װעלט...

אױף די פֿורן גראַבליעס פֿון אַרבעט מיד.
האַלדזן זיך באַנאַנד — שװײַגן אױס אַ ליד...

שײלט די ערד זיך אין איר הױט
מיט ליפּן פֿאַלן רעדער צו צום שטױב...

מיט רױטע ליכטלאַך פֿינגערדיק צעהעלט
צינדט זיך אָן אַ בױמעלע אין מיטן פֿעלד...

דאָס פֿאַסטוכל שלאָפֿט שױן ערגעץ איבער װעלט,
חלומט זון — און קװעלט, און קװעלט, און קװעלט...

## דער וואַסער־גלאָק

אין מיטן ים — אַ וואַסער־גלאָק פֿאַראַנען.
ער קלינגט; קומען כוואַליעס זיך צוזאַמען...

אַ גלאָק דאַרף הייגנען אין דער הויך — הימל צו דערלאַנגען.
דער וואַסער־גלאָק ווי אַ פֿויגל אין אַ שטייג געפֿאַנגען...

קומט אַ שטורם אָן; ים איז הונגעריק נאָך שיפֿן,
שטייט אויף דער וואַסער־גלאָק פֿון שלאָף דעם טיפֿן...

צעברומט זיך ווי אַ לייב — ים קאָרטשעט זיך צוזאַמען...
זיין צונג קלינגט מיט דונערן און פֿלאַמען...

די כוואַליעס — גלעזערנע בערג פֿון גלאָק צעשפּליטערט.
דאָס קול פֿון וואַסער־גלאָק וואָרנט און ציטערט...

כאַפּן שיפֿן אויף זיין רוף — טרינקען מיט כחות אָן די לונגען.
זיין קול שווימט און רופֿט מיט פֿייערדיקע צונגען...

ווערט מיד דער ים: דעם צאָרן אויסגעשפּיגן —
ווערט גלאָק אויך מיד: ער האָט זיך אויסגעשריגן.

גייט אויף די זון. כוואַליעס — גלעזער מיט וויין געפֿילט,
כוואַליעט זיך דער וויין אַנטקעגן זון צעשפּילט.

דער וואַסער־גלאָק ווערט שטיל, אין זיך אַנטשוויגן,
שאָקלט מיטן קאָפּ, פֿאַרוויגנדיק זיין ניגן...

# רעפלעקסן

זיבן כשופדיקע מוידן
מיט רויטע שאַלקעס
האָבן איבער שטאָט אַ פלי געטאָן.
זיבן כשופדיקע ווינטן
מיט רויטע האַלקעס
האָבן קעגן זון אַ פלאַם געטאָן...

זיבן כשופדיקע יונגען
מיט רויטע קראַיקעס,
ווי מיט רויטע שנאָבלען,
אַ שפרונג געטאָן:
זיבן, זיבן עראָפלאַנען
ווי הענער מיט רויטע קאַמען
אַנטקעגן זון! אַנטקעגן זון!

# אין ברונען...

אין מיטן בייטאָג
בין איך צום ברונען געגאַן,
מיט קריגל די גרויס
ווי אַ ווייסער שוואַן...

מיט הויזעלאך שפּיצן,
וויים קליידעלע שטייף,
ווי אַ שירמל רונד,
מיט אַ זיידענער שלייף...

געגאַנגען בין איך
צום אָפענעם גרוב,
די זון האָט געשיינט
אין ברונען אַראָפּ...

אַ אינגל אַ קליינער
איז אָנגעקומען —
וואַסער אין קריגל
שעפּן פון ברונען.

אַכט זומערן אַלט
בין איך געווען,
ווען איך האָב זיין פּנים
אין ברונען דערזען...

די זון האָט אין ברונען
מיט טאַצן געשפּילט —
איז זיין פּנים צערונען
הינטער וואַסער פאַרהילט...

דער הימל האָט בלויקייט
פון ברונען געשעפּט.
מיר האָבן דאָס קריגל
אַרויפצו געשלעפּט...

געגאַנגען אַהיים
מיט פולינקן קריגל —
געלאָזן אין ברונען
אַ טונקעלן שפּיגל...

# IV

מלכה לי לידער

# מאַמעס

# געזאַנג פון אַלטע באָבעס

זיינען דריי באָבעס אויף פריזבעס געזעסן,
און שטערן איבער נאַכט אויסגעשטיקט,
מיט לידער שוין אַלטע, לידער פאַרגעסן,
דריי באָבעס די נאַכט איינגעוויגט...

באָבעס איר אַלטע, באָבעס איר קלוגע,
פאַרוויגט אונז אין וויג פון דער נאַכט.
מיר ליגן פאַרליבטע, פאַרוועבטע און שטומע
פון ליכטיקע אויגן באַוואַכט...

באָבעס איר אַלטע, באָבעס איר ליבע,
פאַרציט איבער וועלט אונזער פרייד!
זאָל איבער ווייטקייט די נאַכט ווי אַ פידל,
שפּילן דאָס ליד פון נאַכטיקן לייב...

## לבנה־פעדים

### א.

שפינט און שפינט לבנה
איינגעהאַלטענעם געבערן,
גייט אויף, גייט אויף לבנה
מיט ציטער איבער שטערן...

אויגן פאַר לבנה —
מיט אויסלאָז פון געוויין;
קלאָגט איר שטים געבערן
פאַר לבנה אין געהיים...

פיר וואָכן ציען זיך דורך איר
מיט פאַרשלאָסענעם געבערן —
ווייננט דער ווייבטרויב דורך איר
מיט וויין־קאָלירטע טרערן...

### ב.

זי הויבט אויף איר שטים, די טויזנט־יאָריקע,
ווייננט זיך אויס די אויגן בלינד.
זי שטייט אַ געבויגענע, פאַרצייטיקטע,
מיט ליפּן בעטנדיק אַ קינד....

— מוטער רחל, אין דיין רו געהייליקטער
פאַרחלשט זיינען מיינע לענד...
איך בעט צו גאָט אַזאַ ווי דו, געלייטערטע,
מיט אויסגעוויינטע ווייסע הענט...

# טריט

קום, טאָכטער מיינע,
לאָמיר טראָגן צו די פעלדער
אונזערע לייבער פאַרשלאָסענע!
לאָמיר ציען צו די וועלדער
מיט הענט פאַריסענע!

ליכטער באלויכטענע
צינדט פאַר אונז די טריט:
מאַמעס צוויי פאַרוואָגלטע
גייען, גייען מיט...

שליאַכן צעשוואָומענע,
שלייכט מיט אונזער וויי!
ברעגן צענומענע,
צעברייטערט דאָס געשריי...

*

ווייטע ווייטן
שטערן שפּרייען
שוואַנגערט ערד,
פון שטערן קלייען...

נאַכט צעשפּאַלט,
צעשפּאַלט די טרעפּ,
נאַכט פאַרהיל,
פאַרהיל די צעפּ...

טריט, צעבליט
מיט שטערן בלי.
גליד, צעגליט
מיט פייער גלי...

שלינג, פארשלינג,
ווי זאמד דעם טראט.
טרינק, פארטרינק
דעם יאמער ראד.

*

ווער איז יונג,
אינגער נאך פון טויזנט יאר?
ווער איז אלט,
עלטער נאך פון צוואנציק יאר?

מאמעס צווי.
דורך מאמע ווי.
דורך אייביקייט,
דערנאענטן זיך אזוי...

## כמאַרעס־קינדערלאַך

כמאַרעס־קינדערלאַך,
וואָס לויפט איר דאָרט אַוועק?
מיר וועלן קרויזלען אייך די הערעלאַך,
צערטלען אייך פון שרעק...

קינדערלאַך דערשראָקענע,
קומט צו אונז אַראָפּ!
מיר וועלן הילן אייך אין אונזער לייב,
וואַשן אייך מיט אונזער בלוט.

*

מאַמעס צוויי געהייליקטע,
דורך טריקעניש פון יאָרן.
מאַמעס צוויי פאַרדאָרנטע,
מיט טריקעניש פון דאָרן...

# אַ מאַמע...

(חנח'ן)

ווײם צעבליט ווי אַ קאַרשנבוים
אָנגעזאָפּט ווי אויף ים דער שוים,
איז זי אָנגעטרונקען מיט שפּראָץ פון לעבן,
ווי שוואַרצער הימל פאַר אַ רעגן...

פּעכערם פלאַטערן אין איר לייב,
ווי טויבן־פליגל אין פינצטערקייט ;
דינע אָדערן שליינגלען זיך ווי זייד
זינגען אוים דורך איר — קינדער פרייד...

ווינטיק ציטערט אויף איר קלייד,
דורך די פאַלדן שטילערהייט,
ווי אַ זון פאַרשעמטערהייט
גייט אויף אין איר — קינדער פרייד...

## צווייטע מאַמע

דאָס הויז מיט דיוואַנען אויסגעשפּרייט,
לאָמפּן אין אַלע ווינקלען צעהעלט;
עס ליגט אַ פרוי איינגעדרייט,
קאָפּ מיט הענט פאַרשטעלט...

אַ באַלון אין שיכלאַך אויף דיוואַן,
אימעץ וואַרפט אים אום געשווינד,
עס דאַכט זיך איר אין יעדן שפּאַן
ווי עס זאָל דאָ אומלויפן אַ קינד...

פון העלער־הויט, עס פּלאַצט באַלון,
די שיכלאַך בלייבן פּוסטע שטיין;
ווי עס וואָלט פון זיי אַ קינד זיך אויסגעטאָן,
די פרוי פאַרקנוילט אין אַ געוויין...

# דריטע מאַמע

גרוי און נאַקעטע די ווענט,
אין מיטן שטוב אַן איינציק בעט;
מאַן און פרוי — פאַרקויפטע הענט,
מאַן און פרוי, מיט טאָג באַהעפט...

שלעפט דער מאָרגן זי פון בעט ארויס,
הויבט זיך אָן פאַר אים די נאַכט.
טוט זיך נאַכט פאַרן מאָרגן אויס,
נייט פאַר שויבן וואַכט און וואַכט...

עס פירט דער וועג זי אין פאַבריק,
אין קליידער בערג ליגן אירע טעג:
ווען זי וואָלט דאָ שטיין פאַר אַ וויג,
צו די טישן שאַרט זי זיך אַוועק...

מאַשינען וואַיען ווי די הינט,
זי רייצט זיי אָן מיט אירע הענט.
אין איר יעדער גליד וויינט אַ קינד...
זי האָט פאַרקויפט פאַר ברויט די הענט...

## פלעפּער־פּרוי

דורך די נעכט —
רינגלען זי אַרום קינדער אין אַ קרייז;
מאַנען — מאַנען מחנותזוייז,
קינדער פון דער נאַכט...

זי פלאַנצט זיי אין אַ וואַלד
דורך די אויגן,
ציט זיך דער וואַלד
קינדער אָן געשטאַלט...

*

איר קאָפּ אינגליש געשוירן,
איר גוף בויגיק ווי אַ שלאַנג;
מיט אוירינגען — די אויערן,
איר מויל — אַ רויט געטראַנק...

צווישן פינגער — ציגאַרעט,
פאַרברענט זי איר מאָרגן ווי אַ שטרוי;
איר גוף אַ דין געוועב —
זי איז די פלעפּער־פּרוי...

*

אירע קליידער וועלן זי באַצירן
ווי דער פראָסט אויף שויבן
אין איר אינגעווייד וועט פרירן
ווי פון קעפּלאַך מאַן די שטויבן...

איר לייב וועט אויפגיין ווי טייג,
זיך צעצווייגן ווי אַ צווייג:
„זי וועט עס קייטלען אין אַ קייט
און זיך באַהאַלטן אין אַ שטייג..."

## שניטער־טאַנץ

טריט קנאַקן אוים אַ טאַנץ
אַ פאַרבאַטענעם.
פרויען — ווי אַ קראַנץ
אַ צעטראַטענער...

נעכט פון תאווה
ברייגגען זיי אַהער,
טראָגן פון פעלד
אַהער צום שניטער...

גרויע פאַרהאַנגען
לאָזן טאָג ניט אריין,
ווענט פון זייד
אָטעמען מיט פרויען־לייב...

ביי זיי אַלעמען
לעבט איצט אויף אַ לעבן,
מיט שפּורן אויף די ליפּן
ווי רייפער האָניק...

ווי שטייפע מאַראַנצן
שטייפן זיך די בריסט —
קריגלאַך אָנגעפילט מיט מילך,
אויפגעשוואָלענע די פיס...

## פײן־געשרײ

זײגער אין זײן אײלעניש
צופּט די שטילקײט צװיטנװײז,
זײגער אין זײן אײלעניש
מאָלט די לעבנס אײנציקװײז...

אױפן דאָקטאָר טיש צװײיעקיקן
װאָס ליגט זי אַ דערשראָקענע?
װעט אַ לעבן זיך צעליכטיקן
איבער איר לעבן פאַרשפּאָטענעם?...

װעקט ניט אױף די שטילעניש!
שװעבט אום אַזױ אַ שװעבנדיק,
דעקט ניט אױף די הילעניש —
אַ לעבן לעבט אױף לעבנדיק...

פײן געשרײ װי מאָרגן האָרן,
מיט הראַבליעס־פינגער אין האַרץ פון בלױ.
װײנט באַשאַף פון גאָטס צאָרן —
װײנט און װײנט די פרױ...

פראַלט אױף די פענצטער, קוקט ארױס!
בױגט אײן זיך מאָן צו פרױ;
די װעלט איז דאָך אַ ליכטיק הױז —
פאַרבט די ליכטיקײט מיט גרױ...

## שלאָפגעטראַנק

שטיל אויסגעצויגן, ווי אין אַ מיטה,
ווי לאָפּעטעס ערד איבער איר פּנים דער איטער
פאַלט, פאַלט בלאַנקענדיקע שניטער,
שניידט די פינצטערניש אין שפּליטער...

שווימט זי שווימט, ווי אין אַ פינצטערן טונעל,
ווי דורך אַ שפּאַקטיוו שפּיגלט זיך איר לעבן,
זי איז מער ניט זי — אַ טונקעלער געמעל
אין דורכזיכטיקע ליכטיקע געוועבן...

אימעץ מיט אַ האַנט אַ קאַלטער
שאַרט אַוועק דאָס ליכט פון אירע אויגן.
דאָקטאָר, דאָקטאָר, ווער איז יענע אַלטע
ביז צו דער ערד דאָ איינגעבויגן?...

*

אויפן טיש צעפליגלטן
וועקט זיך הילעניש פאַריגלטע.
דורך אייביקייט פאַרשלאָפענע
קומט מוטער רחל אַ פאַרזינדיקטע...

ווער האָט מיין רו געוועקט,
פון טויטן שלאָף מיך אויפגעוועקט?
מיט ווייסן טאָג צוגעדעקט,
ליגן זיי דאָ אויסגעשטרעקט...

רויטע ווענט —
מיט מעסער הענט...

ווער וועט זויגן
די קינדער צעשטויביקטע ?

ווער וועט לעבן
זייערע לעבנס פארלוירענע ?

קינדער אין א וואלד —
קינדער אן געשטאלט...

טויט, מיין פיין פארבעט —
טויט, מיין זינד פארגלעט...

מיינע קינדער שלאפן,
איך הער שטימען רופן...

# טויטע באַבעס

עס האָט קבר היינט צעשפּאָלטן זיך,
ווי ליפּן צוויי פון אַ יונגן קינד,
דורך געשרייען, דורך אימיצנס זינד
האָט גערופן אונז אַ קינד...

לאָמיר צוזאַמענשמעלצן אַלטע ביינער —
מיר זיינען איינזאַם דאָ אין קבר...
קינדער איבער וועלט דורך יעדן אבר —
איינזאַם דאָ אין קבר...

אונזער קבר אָפן ווי אַ וואונד,
אויסגעצויגן פאַר דער וועלט —
אַהער אין טיפעניש פון גרונט
קומען קינדערלאך אין ציטערניש פון קעלט...

# V

מלכה לי    לידער

# דורך מײַן ליד

דיך אויספורעמען אויפן העכסטן בוים,
מיט הענט צעצונדענע צו אײביקײטן,
מיט בליקן פון א ספינקס — דורכגעשטאכענע אין װײטן.

דיך אײנקריצן אויפן העכסטן בארג,
װאו זון־לבנה ליגן, צװילינגדיק פארקנאטן,
װאו נאך קײנעמס פוס האט ניט געטראטן!

דיך אויפזוכן אין יענער טיפסטער הײל,
װאו פינצטערניש האט דײַנע אויגן צוגעבונדן,
זיך אנטרינקען מיט דײַן סם װי „איוב" מיט זײַנע װאונדן...

דיך אויפװעקן װי דעם שלאפנדיקן ריז,
זאלסט אויפגײן דורכן מארגן פון קלײנע קינדער,
דורך פינצטערניש צעהעלט — װי מיט ליכט דער בלינדער...

איך בין דער װינט װאס זוכט דיך אויף אלע װעגן,
איך בין די ערד װאס גארט נאך רעגן,
קום צו מיר! גיס מײַנע אברים אן מיט לעבן.

## מאַגדאַלין

זיך אַנטפּלעקן פאַר דיר, ווי פאַר גאָט...
דיין דאָרנדיקע קרוין וועט ברענען אויף מיין קאָפּ...

מיט מיין פייערוואַגן דורכשניידן דאָס פעלד,
ווי אַ בליץ וואָס צינדט שטיקער וועלט...

מיין לייב ווי אַ טייך, דורכזיכטיק און קלאָר,
זון אונטערגאַנג אין מיינע פייערדיקע האָר...

יעדן מאָן אַ חלום, מיט מיין לייב געבראַכט...
איך בין פול ווי אַ קרוג מיט נאַכט...

אַ פינצטערניש פאַרבלענדט מיין גוף
דורך דיר אויסקויפן מיין שטראָף...

## ווער קאַן מעסטן...

ווער קאַן מעסטן די ווייטקייט פון אויג!
נאָענט די ווייטקייט — איין בויג...

ציט זיך איר גוף ווי הימל צום ראַנד,
נאָענט דער הימל — קורץ איז די האַנט!...

איז זי נידעריק, דערנידעריגט צו דער ערד,
מיט שוואונג פון אַן אָדלער, מיט יאָך פון אַ פערד...

ווי אין אַ צירק גיט אַ ריס זיך דאָס פערד,
גיט זי אַ ריס זיך פון צוים, פאַלט צו דער ערד.

צווי צוימען די פיס — אויף צוריק, אויף צוריק,
גייט זי געבונדן — ווי אַ קו אויף אַ שטריק...

## גאַסן־רוף

האָט זי דערפילט אין זיך גאַסן־רוף!
נאַכט האָט געצויגן צו זיך איר גוף...

אין שטילקייט האָבן טראַמווייען געוועדט פון שלאָף,
זי איז די זינד, זי איז די שטראָף...

האָט רוים באַטרונקען זי מיט שלאָף,
אַ שווערע וואָג האָט אַראָפּגעשלעפּט איר גוף...

ווען זי איז באַרג־אַראָפּ, אַראָפּ די טרעפּ,
האָט זי אים געלאָזט הינטער זיך — אַ שוואַרצן שלעפּ.

ער איז געשטאַנען, געשלונגען אירע שפּיצן שיך;
זי האָט אים אַראָפּ, אַראָפּ, געטראָגן אין זיך...

## נאַכט־געשטאַלט

ווי אַ צעשניטענע לבנה, ברענט שטאָט זייגער,
און זי שפּאַנט און שפּאַנט אין גאָרטן,
זוכט זיך אין פּנימער — ווי אין קאָרטן...

פֿאַרשעם זי ניט מיט דיין רופנדיקער ברעם!
זי טראָגט אום אין זיך, אַ פֿאַרשאָלטענע, דאָס לעבן,
ווי אַ שפּין דאָס פייער אין אירע פעדעם...

דורך אַ פּריסטערס מויל וועסטו אויפכאַפּן איר נאָמען,
איר לייב ווי דער אָרגל אין געזאַנג צעשפּילט.
זי האָט זיך אין דער פינצטער אויפגעהילט...

בויג דעם קאָפּ צו איר אַראָפּ,
ווי די שעפער צום אַנגעפילטן ברונען
קאָנסט אויסשעפּן דאָס וואַסער, ניט געוויין פון איר גומען...

## אין געפלעכט פון טעג

שאַרט זיך אַ זקנה אין שוואַרצן געקליידט;
ווייס ליגט דער וועג פאַרשנייט.
זי גייט ווי אויף פּלידש, ווי אויף זייד.
בליצט אויף פאַר איר אַ געשטאַלט
פון ערגעץ נאָענט — פון ערגעץ ווייט:
— איך בין געווען דיין ערשטע פרייד,
וואָס האָט דיך גענומען ביי דער האַנט,
ווען האַנט געווען נאָך ווייס,
און היינט בין איך שוין אַ גרייז...

און זי גייט, און זי גייט.
ווייסע דיוואַנען האָט שניי אויסגעשפּרייט.
פלעכט זיך געשטאַלט אין געשטאַלט:
ער האָט אָוועקגעקושט דאָס ווייס פון די הענט,
יענער, דאָס גאָלד פון די צעפּ,
דער, די פולקייט פון בריסט,
און יענער, דאָס זייד פון די פיס...
איבער איר פנים פאַרגייט די לעצטע פרייד;
פאַרמעט — איר הויט, גרוי — די האָר,
ווי אַ ווערבע וויינט איר פיגור...

## פערד

ברוינע, לאַקירטע פערד, מיט העלדזער שלאַנקע,
מיט ווינט אין גריוועס, ציינער — בלאַנקע.

מיט דאַמף אין נאָזלעכער, מיט שוואונג אין קלויען,
האָבן אין דער זון זיך געגומען רויען...

עס האָט אַ קליאַטשע מיטן ווינט געשיקט זיי גריסן,
פערד מיט לעדערנע צונגען האָבן זיך צו איר געריסן...

עס האָבן זיך צעקלונגען אַלע ווייטן...
דער ווינט האָט גערופן ווי מיט פלייטן...

די פערד מיט פייכטע בליקן, גריוועס — אָנגעצויגן,
האָבן אַ לאָז געטאָן זיך פייל פון בויגן...

איבער טאָל און באַרג, פאַרוועבט אין וואָלקנס שטויבן,
מיט שווימענדיקע לייבער האָבן פערד אין לופטן זיך געהויבן.

עס גרינט דער האָבער, דאָס פעלד וואַכט אויף פון שלאָפן,
פערד מיט צעשפילטע פיס זיינען נאָכן קול געלאָפן...

## צו אַ פרוי

ביזט אויפגעשטאַנען פון יענע דורות,
וואו מאַמעס טראָגן זייערע לייבער צו די וואַסערן.
און די וואַסערן רייפן זייערע גלידער,
און די וואַסערן לעשן זייער פיבער,
און זיי הערן צו צו די שטילע קולות,
וואו וואַסערן שרייען איבער גלידער...

אין יענע שעהען פון ריינקייט און צניעות
זיינען פרויען דורכזיכטיק ביז צו זייער שאָטן.
און די וואַסערן מיט מוראדיקע גזרות —
און די וואַסערן געלייטערטע פון דורות,
ברענען דורך דיין גוף מיט לעבעדיקע דראָטן,
וואוזשע האָסטו זיי דורך נעכט פאַראָטן?...

פרושדיקע אויגן, וואָס פלעגן ספרים שלינגען,
האָסטו צו זיך אין גוף אריינגעזונגען...
אין פינצטערניש ווען דיינע מאַמעס לויערן
האָט זיך דיין האַלדז ווי אַ ווייסער מילך־וועג פאַרלוירן —
דיין גוף מיט הפקרות פון זינד באַהעפט,
די וואַסערן די לויטערע פאַרשעמט...

איצט גייסטו איינגעהילט אין פינצטערע געשטאַלטן,
טראָגסט פון נעכט אַ שוואַרצע קרוין אין דיינע צעפ באַהאַלטן.
זיי קומען אין לויטערקייט פון שעהן,
מחנותוויז, און לאָזן דיך ניט רוען;
מאָנען די ריינקייט, וואָס זיי האָבן דיר געשיינקט,
דורך וואַסערן געלייטערטע פאַרביינקט.

## אין פרעמדן העמד

איבער אַ פרעמדער, ווייסער וויג
האָט אַ שוואַרצהויטיקע פאַרוויגט אַ קינד...

האָט שלאָף זיך מיט וויגל צעוויגט,
מיט אומרו די נאַכט־פינצטערניש צעפליקט...

היינט האָט אין איר מח ווידער פאַרקלעמט
אינם ווינקל דאָס ווייס זיידן העמד...

שוואַרץ לייב האָט זיך טייוואַליש צעברענט:
פילן ווייס זייד איבער אירע לענד...

איר גוף מיט פיין פון אַ רוט:
אַ פיאָווקע געפאַרבט האָט איר בלוט...

דאָס העמד, אין שוואַרצאַפּלען צעבליט,
פאַלט, ווי געפאַלענער צוויט...

ווי אַ פעלז פון טייך האָט ארויסגעבלענדט
שוואַרץ לייב הינטער ווייס־זיידן העמד...

גוט איז איר, גוט איצט אַזוי —
זי מישט זיך אויס מיט ווייסער פרוי...

אין קינדערשע טריט האָט נאַכט־פינצטערניש געטאַנצט,
מיט איר פרייד די נאַכט ארומגעקראַנצט...

לבנה איז דורכגעשוואומען דורך העמד,
זיך געלאָשן, פאַרלאָשן אין העמד...

## דורך פינצטערע טירן...

אזויפיל עלנט קעגנאיבער
קוקט פון בעטן פינצטערע אריבער,
בעטן — טונקעלער פון גריבער...

אזויפיל סודות דורך צוגעמאַכטע שלעסער
בלאַנקט אריבער, ווי דאָס חלפדיקע מעסער,
זידט אַרויס, ווי דער שוים פון אויפגעגאַנגענע פעסער...

דורך פינצטערע נעכט, ווען בלוטן פרירן,
ברענג איך מיינע רייד צו אייערע טירן,
ווי קאָרבן אויבסט פון פולע פורן...

# פּאָרטרעט

(ב. ריווקין)

דער בופלאָקס האָט דיר זיין געשטאַלט געשיינקט.
מיט איר שווערקייט שלעפּט דיך אַראָפּ די ערד,
דיין יעדער טראָט — שטומפּיקער שווערד...

נאָר ווען דו רעדסט דורך אויגן פאַרמאַכטע —
מיט דיין צערייצטן פולן געזיכט —
אַזוי צאַפּלט זיך אין איר שאָלאַכטס אַ הינדל צום ליכט...

ווען דו רעדסט דורך אויגן פאַרמאַכטע —
ריידן בערג אין זייער טיף —
ראַנגלט זיך אונטער וואַסערן אַ שיף...

ווען דו שווייגסט דורך אָפענע אויגן —
זיצט דאָן בודאַ אין קופּער פאַרשוויגן,
שטומט דורך אייביקייט זיין ניגן...

# מיט שטילע טריט

(שׂרה׳ן גודלמאַן)

איך זע דיך אומגיין צווישן ליים;
עס ליכטיקט זיך דיין שטערן.
מיט ליבע הענט גלעטסטו אין געהיים
דאָס ליים וואָס וואַרט צום ווערן.

דו שלייכסט אַרום מיט שטילע טריט,
פאַרמאַכסט די טיר; עס לויכט דיין שטערן.
דיין מאָנס באַשאַף, פון דיינע אויגן בליט
און רעדט אַרום, נאָך איידער ווערן...

פאַרלייגסט אין שווייגן, ליפּ אויף ליפּ,
ווי דו וואָלסט אַליין אַ ווערק געבערן.
מיט יעדן האַרץ־שלאָג פאָלגסטו מיט
דער האַנט וואָס קנעט דאָס ליים צום ווערן.

# VI

# מלכה לי — לידער

# אין יעזוס׳ נאָמען

ליגט שטאַרבנדיקער, מיט ליפּן אָפּענע, קרומע,
אויף װענט — בילדער הײליקע, פֿרומע.
שמײכלט יעזוס צום גוססדיקן אַ שטומער,
צלמט שטאַרבנדיקער זיך אין יעזוס׳ נאָמען...

איבער שטעטל זילבערן זיך שפּיצן.
זון װיקלט זיך אין רויטע װאָלן,
זון־פֿאַרגאַנג אין שאַרלאַך־בליצן
אויף קלויסטער־שפּיצן — צעצונדענע קאַראַלן...

אויף קלויסטער־שװעלן — בעטלער מיט שטאַלצן.
פֿינגער פֿידלען ניגונים פֿון שטאַרבן.
שטעטל אין אַזאַ טרויער צעשמאַלצן,
צעעפֿנט װי אַן אָפֿענער שאַרבן...

קלויסטער צעפֿליגלט טויערן צװײ ברײטע,
גלעקלאַך קלינגען פֿון גלחשן װאָגן,
שװאַרצע טויערן — פֿליגל צעשפּרײטע,
גלח אין װײסן אויף שליאַכן געטראָגן...

פֿערד קנײפּן מיט אויגן װי קנײפּערס,
גויים מיט טאַרבעס קומען אַנטקעגן,
קניען גויים װי העכער אויף לײטערס,
קניען גויים אויף שטויביקע װעגן...

גלח מיט טויטלאַכן קלינגען
זאָגט אָן דאָס שטאַרבן אין שטעטל —
קלויסטער־שפּיצן לויכטן און פֿינקלען,
קניען גויים אויף װעגן און בעטן...

## דער גנב

שטיבלאך שלאָפן איינג פאַרקנוילט,
און אין די שויבן ברענט די נויט...

פון די בעטן וואַכן כלות אויף,
צום קלויסטער קוקן זיי ארויף...

כלות מיט לייבער פאַרשעמט
האַלטן דאָס געוויין פאַרקלעמט...

יאָגט דער ווינט — אַ צעפּלאָשעט פערד,
עס האָט אַ „גנב" דאָס געוויין דערהערט!

כלות בעטן אויף אַ זיידן קלייד,
האָט ווינט געבעט צעזייט...

האָט זיין גוף מיט ווינט אַ שפּיל געטאָן,
ווי אַן אָדלער אויף אַ פלאַטער פאַן...

ער גנבט זיך אין קלויסטער אריין,
אין גאָטס-הויז שווימט אום געוויין...

אין געפלעכט פון וואַקסענע ליכט
שווימט אָפּיר מאַדאָנעס געזיכט.

פון אירע אויגן וועלפלאַך קוקן שטיל,
דאָס ליכט איז שאַרף, דאָס ליכט איז קיל..

כלות פאַרגליווערטער געוויין —
ווינט אַרויס פון קאַלטן דימענטשטיין...

דער גנב ציט די פינגער אויס
און שלעפּט פון דאָרט געוויין ארויס...

מאַדאָנעס אויגן שאָטנדיק און בלינד —
און ער פליט אויף צעפּלאָשעט פערד פון ווינט...

אין די אויערן ברענט די נויט:
פאָר דימענטן הונגעריקע קויפן ברויט...

## מיין טויט שוועסטערל

אוי, מאַמע, מיין מאַמע,
איך זע די באַן נאָך פון ווייטן.
ווי זילבערנע שליטלאַך די שינעס.
מיין שוועסטערלס האַרץ ווי אַ מילכל זידט,
מיין שוועסטערלס קערפּערל ברימ,
די באַן אויף די שליטלאַך פליט...

מיין שוועסטערל קאָן מען ניט ראַטעווען מער,
איר ברוסטל זעגט ווי אַ זעג.
מען קאָן איר לעבן ניט ציילן מיט טעג
און אויך מיט מינוטן ניט מער...
טראָגסט זי פון דאָקטאָר צוריק
מיט ליפּלאַך פאַרבלויט —
קאַלט ווערט מיין שוועסטערל, טויט.

פירסט זי טויט אויף די הענט,
שפּילסט זיך מיט איר ווי זי וואָלט נאָך געלעבט.
די באַן רייסט מיט יללה דעם שניי,
דו טוסט איר איבער אַ קליידעלע ניי,
שטעלסט זי אַוועק אויף די הענט,
מיטן פּנימל טויט צו דער וועלט,
עס וויגט זיך איר קעפּל אַהין און אַהער,
מיין שוועסטערל טויט — זי דאַרף עס ניט מער...
מענטשן אין באַן פאַררעדן די צייט,
זיי ווייסן ניט ווער עס פאַרט מיט זיי היינט,
אַ מאַמע וואָס לאַכט, און ווערט דאָך ניט בלינד,
אַ מאַמע וואָס שפּילט זיך מיט איר טויט קינד,
אַ מאַמע וואָס מינטערט זיך מיט פראָסט פון שויב;
שמייכלט דערביי און ווערט דאָך ניט טויב,
זינגט אַ ניגון הייליק און פרום,
טאַנצט מיטן קינד און ווערט דאָך ניט שטום...

# טעפּ

אויפֿן מאַרק ערדענע טעפּ,
געפֿורעמט פֿון רויטן און פֿון שוואַרצן ליים.
דער טעפּער דרימלט, ווי זיינע טעפּ,
נאָך עפּעס לויערט ער — האָפֿט ער אין געהיים...

אין דער היים דאָס ווייב רייסט זיך פֿאַר די האָר,
אין די בעטן קינדער נאַקעטע אָן ברויט...
אַזאַ פֿאַרשאָלטן און צעלעכערט יאָר,
ווי די טעפּ אָנגעפֿילט מיט נויט...

קיינער קומט ניט — קיינער קויפֿט ניט...
טעפּ ווי הינער, וואַרעמען זיך אויף דער זון.
עס האָט אַ פֿערד מיט פּאָדקאָוועס רויט צעגליט —
ווי אַ בשורה זיך אַ טראָג געטאָן...

פֿאַלט צו די נאַכט פֿון פֿינצטערניש און רו,
ציען זיך איבער מיט אַ שוואַרצן הימל זיינע טעפּ;
ערגעץ וואַרט ער אין געהיים אויף יענער שעה
און צוריק אין קעלער פֿירן אים די טרעפּ.

## קעץ

אין דער נאַכט ראיען קעץ זיך אויפן מיסט,
די נאַכט איז פול מיט רוחות און מיט הינט;
די שטאָט־זונה מיט אויפגעדעקטע בריסט
שפּאַנט אַרום און קוקט זיך אום די אויגן בלינד...

די קינדער אויף דער גאַס, מיט שוואָמען אויף די קעפּ,
מיט נעגל רויט פון קראַצן זיך די הויט.
נאָך דער זונה שלעפּט זיך נאָך אַ שלעפּ —
קעץ און הינט, ביז דער מאָרגן בלויט...

דער שטאָט משוגענער, אין די פּאָלעס ווינט,
ווי צוויי זעגן — זיינע שורות ציין.
ער בענטשט די נאַכט וואָס צינדט
מיט קללות יעדן בוים און יעדן שטיין...

אַזאַ קללה געפאַלן איבער שטאָט...
די ערד איז האַרט ווי קויל:
זאָל אָפּגיין איר האַרץ מיט בלוט
ווי פון אַ שווינדזיכטיק מויל...

# געוויין אויף אַקסלען...

וואסער טרעגער מיט וויגנדיקע קאַנען,
טראָגן געוויין פון שטאָט אויף אַקסלען.
אין יעדער שטוב איז דאָך געוויין פאַראַנען;
גיסט זיך וואסער אין די שלאַקסן...

מיט פנימער געבויגענע צום ברונען
שעפּט מען אוים די וועלט אין קוואַלן.
מיטן שעפן ליגט די וועלט צעשוואומען,
הינטער איר הויבט אָן אַן אַנדערע צו קוואַלן...

גייען וואסער־טרעגער, געבויגענע פון יאָרן,
מיט אויסגעשעפּטע וועלטן אין די קאַנען.
הינטער אויגן ליגן וואסערן פאַרפאַראָרן...
שפּאַנען וואסער־טרעגער, געבויגענע, און שפּאַנען...

## די משוגענע

שניי אויף גאַסן קריזשלט זיך און בלויט,
און אויף אַ שליטן פאָרט דער טויט...

אויפן באַרג דער שליטן רייסט זיך מיטן ווינט,
עס זעט אַ פּנים זיך פון שליטן בלוי ווי טינט...

אַ פאַרווייינטע און אַ קראַנקע שטייט די זון,
אויפן באַרג דער שליטן רירט זי אָן...

אויפן באַרג דער שליטן ווי אַ פויגל הויך,
פון די טאָלן יאָגט אים נאָך אַ רויך...

אַ משוגענע פון באַרג שפּאַנט אַראָפּ,
עס ברענט ביי איר אין האַנט אַ פּייער־טאָפּ:

„איך האָב צעבראָקט די זון ביי זיך אין טאָפּ,
ווי לאָקשן גאָלדענע, און קאָך זי אָפּ...

שפּריִט קינדערלאַך זיך אוים ביי ווייסן טיש:
די וועלט אַ טישטוך ווייס און פריש"...

אַ כאַפּטע קינדער וואַרפן נאָך איר קאָלבעס שניי —
זי זוכט איר יאַנקעלען צווישן זיי...

זי שלעפּט פון בוזים אַ פּאָר שיכעלאַך קליין,
לאַכט צו זיי, שטופּט אין בוזים זיי צוריק אַריין...

זי כאַפּט די קוילן גליאיקע אין האַנט,
וואַרפט זיי הינטער זיך, וואַרפט זיי נאָכאַנאַנד...

אויפן באַרג דער הימל ווישט דעם שליטן אָפּ,
גייט אַ מענטש אַראָפּ מיט אַ פּייער־טאָפּ...

צופוסנס פונם באַרג זעצט זי זיך אַראָפּ
און וויגט זיך ווי אַ קנויל און שאָקלט מיטן קאָפּ...

# אָקסן

אויפֿן מאַרק האָבן סוחרים אָנגעטריבן אָקסן
מיט הערנער — אַ וואַלד פֿון געשרייען,
ווי די בערג, קאָפּ אויף קאָפּ איבערגעוואָקסן,
העלדזער ווילן זיך פֿון חלפֿים באַפֿרייען...

האָבן אָקסן מיט געבריל שטאָט געוועקט:
אַ געיאָמער האָט דעם מאָרגן פֿאַרפּלייצט...
האָבן אָקסן אויף דער ערד זיך אויסגעשטרעקט,
אין דער לופֿטן האָבן חלפֿים זיך געקרייצט...

אין דרויסן אַ געפּילדער, אַ געבריל —
אָקסן האָבן איינגעביסן זיך אין אָקסן,
מיט די פּיס פֿאַרוויס אין אַ רויטן שפּיל,
ציין אין פֿעלן — אָקס מיט אָקס פֿאַרוואָקסן...

די זון — אַ רויטע טוך צעפּאַכט;
אָקסן מיט רויטע צינגער אין געלויף.
די זון איבער קלויסטער־דעכער פּאַכט און פּאַכט,
שפּרינגען אָקסן מיט הערנער צעצונדענע ארויף...

# העק

דער וואַלד איז אין אומרו, דער וואַלד איז אין שרעק:
עס האָבן אַ הילך געטאָן העק!

בוימער מיט ערד, דורך יאָרן און טעג
האָבן צעוויגט דאָס געשריי פון העק...

שפּרינגען בוימער ווי מאַלפּעס און פאַלן אַוועק,
עס קלינגט דער וואַלד מיט זילבערנע העק!

די זון לויפט פאַרוויס, מיט שטראַלן און וועקט:
שטייט אויף קעגן שאַרף פון שטאָלענע העק!

נאָך יעדן קלאַפּ, נאָך יעדן זעג,
אַ שטיק וועלט קרעכצט מיד פון געשלעג...

בוימער אין אויפבּרויז, בוימער אין שרעק —
עס לאַכט דער וואַלד מיט פלאַמיקע העק...

# VII

מלכה לי — לידער

## דער גאָלדענער פויגל

איז געפלויגן, געפלויגן דער גאָלדענער פויגל.
די ערד מיט גאָלדענעם שפּינוועבס פאַרצויגן.
ווי אַ פונק צום פלאַם,
ווי אַ טראָפּן צום ים,
האָט אַלץ צו אים זיך געצויגן...
אויף שפּיץ פון קלויסטער אַ פלאַמיקער צלם,
און האָט געבלוטיקט פון אויבן,
דריי בעטלער צופוסנס —
איינער אַ טויבער,
דער צווייטער אַ שטומער,
דער דריטער מיט פאַרלאָשענע אויגן...

איז געפלויגן, געפלויגן דער גאָלדענער פויגל
מיט פליגל — צעבלוטיקטע פאָנען,
ווי אַ פונק צום פלאַם,
ווי אַ טראָפּן צום ים,
האָט דער בלינדער צום ליכט זיך געצויגן...
אין אַפלען די נאַכט צעשפּאָלטן אין שניטן,
ברענט צלם אין ליכטיקע אויגן...
האָט בלינדער דערזען,
האָט בלינדער דערזען...

איז געפלויגן, געפלויגן דער גאָלדענער פויגל
מיטן עק — א פלאמיקער־רעגנבויגן.
ווי אַ פונק צום פלאַם,
ווי אַ טראָפּן צום ים,
האָט טויבער צו אים זיך געצויגן...
ווען זייגער האָט צעשמאָלצן די לעצטע מינוט,
האָרכט טויבער, מיט אויערן צו דער ערד געשמידט,
האָט טויבער דערהערט,
האָט טויבער דערהערט...

איז געפלויגן, געפלויגן דער גאָלדענער פויגל
אַ כמאַרע פאַרלאָשן זיין גאָלדענעם שאָטן,
ווי אַ פונק צום פלאַם,
ווי אַ טראָפּן צום ים,
האָט פלאַמיקער צלם צו דער ערד זיך געבויגן,
האָט שטומער מיט דעם שווייגן פון פיש
דערפילט אַ פלאַמיקן קוש
אויף שטומע צעפיבערטע ליפּן,
האָט זיך צלם פאַרלאָשן אין בלוטיקע שניטן...
ווי פריסטער האָבן כמאַרעס די שוואַרצע כאַלאַטן צעלאָזן,
און פינצטערן אָנזאָג איבער וועלט צעבלאָזן...

# רויטע פאַרנאַכטן

אין זיין אייגן גאָלד צעגאַנגען דער פאַרנאַכט...
אין דער לופטן האָט קויל צו קויל געלאַכט —
שטאָט מיט שטאָט האָבן פאַרמאָסטן זיך ווי ריזן,
הימל האָט אויף רויטע שטיקער זיך צעריסן...

טראָמפּלען זעלנער אָן היטלען איבער שטאָט.
פליען דורך די פעלדער ווי א ראָד...
רייסן מיט שראַפּנעלן פעלז פון די בערג,
די נאַכט קרייט רויט איבער וויסטע מערק...

פון די שטיבער, דורך די שפּאַרעס מאַמעס אויגן,
פינגער־פויסטן אין קודלעס האָר אריינגעצויגן:
ווען מיר קאָנען צוריק איינשלינגען אין ניטגעבוירנקייט די טעכטער,
ניט באוואַכן זיי פאַרגליווערטע ווי טויטע וועכטער...

עס איז דער קעלער ווי א בויך מיט וואַסער אָנגעשוואָלן —
די לעצטע שפּייז פאַרטרונקען און צעמאָלן.
זאָלן מיר זיך איינוויקלען אין טליתים,
אויפן בית עולם זיך באהאלטן מיט די מתים...

*

אויפן בוידעם אין וויכן היי ליגן כלה־מוידן.
זיי האָבן זיך פון שענדער באהאלטן אויבן...
שמעכט דער היי, רייצט די אָנגעבריטע לייבער:
זאָלן זיי קומען! נעמען אונז פאַר ווייבער...

ליגט א זעלנער געאָרעמט מיט זיין שווערד —
קאַלטער שרעק פון מיידלאַך קוקט אויף דער ערד...
בליקן טרינקען זיך ווי אין א מוטנעם ברונען:
וועמעס חתן איז איצט אָנגעקומען?

טעג און נעכט איינגעגראָבענע אין היי,
עס גרוילט אין לייבער פרוי־געשריי:
העי, זעלנער! וואַרף אַראָפּ די ביקס פון דיינע גלידער!
קום צו אונז אויפן געלעגער דאָ א מידער...

## קינדער מיט ווייסע הענט

קנוילן קינדער אויף דער נאַסקייט,
איינגעשלאָפענע אויף דער ערד —
חלומען זיי אַ טויטע ווייסקייט;
הערש דער שמש מיט אַ שווערד...

אים פעלט אַ ריפּ פון לינקן זייט...
אַ געשטאַלט געקנוילט קריכט און קריכט;
אויף דער ערד די שמשטע זיין ווייב —
אירע פינגער ברענען ווי צען ליכט...

זי שטעלט זיך אויף די קני אַרויף,
מיט פולע זעק געוויין די בריסט...
זעלנער לויפן זיך צונויף
אויף אַ קופּע מיסט..

שוואַרצע קוטשמעס אויפגעפּלאַטט...
לאַפּעס נעגלען צו איר מויל;
ווי דורך אַ גלעזערנער וואַנט
ליגט שמשטע פאַרגליווערט הויל...

רייסט אויף די שטילקייט אין אַ געוויין —
ענטפערט אָפּ די ערד.
אידן געבויגענע אין דרייען
רייסן ווי קריע זיך די בערד...

האָבן שטערן זיך דערשראָקן
קוקנדיק אויף ערד אַראָפּ...
איז גאָלד פון לאָקן
געפאַלן איבער טויטער שטאָט...

האָט דורך העלדזער זיך געריסן שלאָף;
קולות האָבן זיך געשניטן דורכן מויל;
האָבן זיי דערזען ווייסע שאָף
לויפן אָפּגעשאָרענע הויל...

חלומען קינדער: משיח גייט;
איבער שטעטל טריפט אַ רויטער רעגן...
האָבן קינדער מיט ווייסע הענט
גענומען וואַשן אַלע וועגן...

## קויפט פּאַפּיראָסן!

פּאַפּיראָסן! פּאַפּיראָסן!
קלינגט מיין שטים דורך גאַסן,
מיט אויגן נעבלדיק פאַרצויגן.
קויפט! קויפט! קויפט!

יאָגן פוקסן זיך — קאַזאַקן,
און פּאָדקאָוועס, ווי די קאָסעס,
שניידן קלאַנגען אַזוי ווי זאַנגען;
קויפט! קויפט! פּאַפּיראָסן!

טאַנצט קאָזאַק מיט פערד אין ראָד,
שפרינג איך צו אין קאַראַהאָד —
גלעט די פעל מיט פחר שטילן,
ווי איך גלעט מיין זיידנס תפילן —
מיינע אויגן בעטן — בעטן:
קויפט! קויפט! ציגאַרעטן...

קוקט קאָזאַק מיט לייבן אויגן,
בריט מיין קערפּער ווי מיט שפּיזן,
שאַרפט מיט מעסערס דורך מיין לייב;
דורך מיין צוגעדעקטן קלייד
שלינגט ער, שלינגט ער נאַקעטקייט...
שיילט אַרונטער מיט דער הויט
גלידער פלאַמען רויט — רויט — רויט —
מענטשן, גאַסן, קאַראַהאָד,
און איך נאַקעט אין אַ ראָד...

און די אויגן בעטן — בעטן —
קויפט, קויפט, ציגאַרעטן!
פּראַלט קאָזאַק געלעכטער אויס,
אַזוי ווי וועש מען פּראַלט פון טייך אַרויס.
כאַ—כאַ—כאַ—
כאַ—כאַ—כאַ—
טי שטשע מאַלענקאַ!
טי שטשע מאַלענקאַ!

## גייט שלאָפן

פאַרנאַכט, צופוסנס פון שטעטל,
וויגט אַ טרומייט זיך אין אַן אומעטיקן רופן:
העי, זעלנער, ג־ייי־ט ש־ל־אָ־פ־ן! ג־ייי־ט ש־ל־אָ־פ־ן!

זון־פאַרגאַנג לעשט זיך אין רופן,
בערג צו בערג פאַרטרויען דעם ניגון,
איינזאַמער זעלנער וויל וועלטס צער פאַרוויגן...

ציען שאָף אין מחנות פון פעלדער,
מיט קעפּ געבויגן צום שלאָפן.
דער פאַסטוך ווערט קלאַנג, אינם רופן..

הינטער באַרג אַן איינזאַמער קלויסטער
פאַרגייט זיך אין פאַרנאַכטיקן קלאַנג —
וויגט איין טרומייט דעם גלאָק אויך צום שלאָפן...

מיידלאַך וויינען אויף קישנס פון בעטן,
ער וויגט איין זיין געליבטע ווייט־ווייט אינם רופן:
ג־יי ש־ל־אָ־פ־ן — ג־יי ש־ל־אָ־פ־ן...

דאָס שטעטל אין אַ געוויין פאַרצויגן,
די שטיבלאַך גלאָצן מיט שויבן,
פאַלן שלעפערדיק אויף וועגן די שטויבן...

די פויגלען ענטפערן הינטער דעכלאַך צום ניגן,
דער וואַלד פאַרקייכט זיך אין אַ בוימערשן רופן:
ג־ייי־ט ש־ל־אָ־פ־ן! ג־ייי־ט ש־ל־אָ־פ־ן!

## אַ בוים צווישן קברים

איך גיי אום צווישן קברים — וויינט דאָס פאַרגיין;
אַ מענטש — אַ בערגעלע, אַ שטיין.

די ערד גיט קיין פרייד ניט אַרויס;
שטילקייט פון טויט שפרייט זיך אויס...

שטייט אַ בוים מיט הערנער פאַרקנוילט;
צווישן בערגלאַך ערד איינגעקנוילט...

די זון באַגיסט אים מיט גאָלד פון איר הויך;
די ערד ציט אים אַראָפּ אין איר בויך...

קאָן בוים זיך ניט אָנטאָן אין גרין,
פאַרוועבט צווישן קברים — ווי אין שפּינוועבס אַ שפּין...

מצבהלאַך ווייסע שטאַרן אין רוים,
יונגע קברימלאַך זויגן די מילך פון בוים...

הימל ציט אים אַרויף דערהויבן זיין שטאַם,
די ערד זויגט אים אויס ווי אַ שוואָם...

## דער העלד

אויפן באַנהויף מענטשן,
זוכן מיט די אויגן.
די באַן — אַ שוואַרצער מאָנסטער
קומט צופליגן...

עס גייט דער קריגער —
אַ פאָן האָט זיך נידעריק פאַר אים פאַרנויגט.
אַ קינד גייט אים אַנטקעגן מיט זאַלץ און ברויט...
ערגעץ אויף אַ פעלד —
יערט מיט ווילדן גראָז זיין האַנט,
שרייט אים נאָך אַהער אין לאַנד:
פאַרלאָזן האָסטו דיין רעכטע האַנט.
אַ קויל האָט זיין אויער אָראָפּגעצויגן,
ווי אַ רויב-פויגל מיט אַ בלאַט אוועקגעפלויגן...

דער המון קוועלט און קוועלט.
הורייִ! עס גייט דער העלד;
פלוצלונג, ווי אַ טייך וואָס שלאָגט צוריק,
מענטשן — ווייכן, ווייכן,
מענטשן — בלייכן, בלייכן,
און ער שפּאַנט ווי אויף שטריק
מיט מעדאַל, ווי מיט קינ׳ס צייכן...

## אַ שטיין

עס האָט זון צעפּערלט ערד מיט זשאַווער,
זיך צעגאָסן פליסיק איבער פלאַך פון שטיין;
אפשר וועט די ערד זיך אויפבינדן פון זיך אַליין,
עס וועט מיט ערד און זון זיך אויפהויבן מיין חבר...

בויג איך זיך נאָך טיפער צו דער ערד,
אויף מיין פּלייצע האָט זון אַ נעסט זיך אויסגעשפּונען.
עס האָט איר ווארעמקייט מיך אַזוי צענומען,
ווי אַ רויטער האָן שנאָבלדיק די ערד...

שטייט אַ בוים אַ מנורה, פון דער ערד צעקרעלט,
טריפט די שעהן פון דיין קומען —
ערגעץ אין דער טיף דיין שטים פאַרנומען,
נאָר דיין פּנים האָט די ערד פאַרשטעלט...

זיך אויסגעגליכן ווי אַ רוט פון שטורם,
מיט זון־טרערן צעציליעט אויף די ברעמען;
איך הויב ערשט אָן דיך צו דערקענען —
אין בוים צעשטראַלטן לויכט דיין פורם...

# דערוואַכונג...

(לייוויקן)

האָסט געבראַכט מיט זיך דעם אָטעם פון היימישע שטעט,
סאָסנע־וועלדער האָבן אַרויסגעבליט פון דיינע רייד —
מיך מיט גרינקייט פון סאָסנע שאַרף באַקליידט...

דורך דיין געלעכטער זע איך אויפגעשניטענע יונג־ערד.
דיינע האָר זיינען זוניק ליכטיקער געוואָרן —
דיין בליק — רייפער, ברענענדיקער קאָרן...

דו האָסט געוועקט אַלע שטעט אויפגעוועקטע,
נאָר מיין שטאָט, מיין שטאָט האָסטו פאַרשעמט —
מיין שטאָט וואָס איז פון זיך אַליין פאַרלענדט...

אין מיין שטאָט זיינען אויסגעהאַקט די וועלדער,
אַנשטאָט אַ בוים אין אַ גאָרטן, ביי אַ פענצטער
שטאַרצט אַ מצבה פון אַ טויטן זעלנער...

אין מיין שטאָט אָדערן זיך טייכן פאַרגליווערט,
ערד ליגט פאַרשטאָלט ווי די שינעס,
חורבה־שטיבלאַך, לייענען קנות...

ביינאַכט לויפן צוגן און רעווען;
ערד־ציטערניש טרייסלט אויף די גריבער;
פייערלאַך טוקן זיך אין שטיבער...

איבער שטאָט רופט אימיץ דערלייזער!
דערטראָגן עס העגער צום מאָרגן מיט קרייען —
שטאָט גייט צו קינד מיט מוראדיקע ווייען...

# קריגס־שיפן

שטייען האָרדעס שיפן, אין פאַרבן ווי אין פלאַמען,
האָרדעס שיפן טוליען זיך ווי לאַמען...

האָרדעס שיפן אין אַ ריי ווי קאַראַוואַנען,
פון וואַנען קומען זיי, פון וואַנען?

זיי האָבן די לונגען אויסגעשפּיגן אויף די ימען,
איינגעוויקלט די באַשעפער זייערע אין די פלאַמען...

נאָך אַ קריג וואָס קאָנען קריגס שיפן דאָ מאַכן?
שטייען זיי ביי ברעגן, רוען דאָ און וואַכן...

ביי יעדער שיף פאַרטריקנט ליגט דער גומען,
קרייזן ראָבן אָרום מאַסטן — ווי בינען אָרום בלומען...

קומען טויטע אָהער פון ווייטע ימען,
אויף ווינטן גאָלדענע צושפּאַנען...

מאַטראָסן ניט־געזעגנטע שוועבן דורך די שיפן,
מיט בליקן פאַרלאָשענע שטייגן פון די טיפן...

הערסטו אַזאַ יאָמערן, הערסטו אַזאַ וויינען —
מאַטראָסן פון די וואַסערן פאַרזאַמלט אינאיינעם...

דער האָדסאָן וואַשט און וואַשט די רויטע פאַרבן,
קולות שרייען איבער: מיר ווילן נאָך ניט שטאַרבן...

קולות רייסן זיך דורך בערג און טאָלן —
ווערט די ערד פון רויטן ווייַן באַמאָלן...

שאָטנס ליגן באַהאַלטענע אין טרובן,
שטייען האָרדעס שיפן לעבעדיק באַגראָבן...

פלעסקען קליינע קינדער און זיי שטיפן —
אַזאַ שפּיל, אַזאַ שפּיל, האָרדעס שיפן...

# אין באַן...

דריי ברידער —
הויך און שלאַנק
דער עלטסטער און אַ צווילינג.
מיט דריי פּלייצעס ווי אַ וואַנט
אין סאָבוויי אויפגעשטעלט.
די מאַמע — דין און קליין
מיט אויגן אויפגעהעלט,
שטייט אַזוי פאַרלוירן.
זי איז דאָך גאָט אַליין.
זי האָט דריי זין געבוירן...

די באַן דרייט זיך ווי אַ שלאַנג,
אירע זין דאָ אויסגעצויגן —
מיט דריי פּלייצעס אויסגעשפּרייט,
אַ האַלבע באַן די ברייט —
שטייט זי איינגעבויגן.
פון איר דינעם לייב
האָבן זיי דעם קערן
פון ווייטערן גאַנג געזויגן...

און איבער איר — לאַכט ווער אויבן.
זי האָט פאַר אים דריי זין געבוירן...
ווער ער זיי רויבן,
זיי שטעלן פאַר אַ לאַנד
מיט דריי פּלייצעס ווי אַ וואַנט,
ווי איצט פאַר אירע אויגן —
זוכט זי זיך פאַרלוירן:
גאָט! זאָל שלום זיין אין לאַנד.
זי האָט פאַר זיך דריי זין געבוירן..

# אוי, האָט מען געהוליעט!

(צו איציק פעפער׳ס ליד „בעטלער״)

אויפן הויכן שטערן
א בינטל האָר אינמיטן;
ווי אויפן ים אַן אינזל,
האָט זיך אים פאַרשניטן —
רעדט צו מיר אַ אינגל,
רעדט צו מיר דער שעפער
מיט אַ גלח־פּנים
איציק פעפער.
אוי, האָט מען געהוליעט;
אוי, האָט מען געשניטן!

— — — — — — — —

בין איך איצט דער בלינדער,
שפּאַן איך פאַר די שטערן;
וויינען רייד ווי קינדער
אַלע זאָלן הערן:
אוי, האָט מען געהוליעט!
אוי, האָט מען געשניטן!
שטערן איינגעטוליעט
גליען רויטע בליטן —
אוי, די נאַכט פון וואונדער
ציט מיר אויס די ברעמען,
בין איך איצט דער בלינדער
קאָן איך אַלץ פאַרנעמען —
אוי, האָט מען געשניטן!...
אוי, האָט מען געהוליעט!

# VIII

מלכה לי ‏ ‏ ‏ ‏ ‏ ‏ ‏ ‏ ‏ ‏ ‏ ‏ ‏ ‏ ‏ ‏ ‏ ‏ ‏ ‏ ‏ ‏ ‏ ‏ ‏ ‏ ‏ ‏ ‏ ‏ ‏ ‏ ‏ ‏ ‏ ‏ ‏ ‏ ‏ ‏ ‏ ‏ ‏ ‏ לידער

# מ י נ ד ל

## א.

געוואַקסן איז דאָס קינד בא פרעמדע טישן.
ביינאַכט אויפן געלעגער איינגעדעקט מיט שמאַטעס און מיט זעק,
פלעגט זי מיט אויגן אָפענע צוהאַלטן דעם שלאָף.
פאַרשאַלטן איז זי געווען פון פאַטערס שטראָף;
זיין שיכרות פלעגט שטראָמען דורך איר גוף...
דורך זומער נעכט איז גאַס געווען אַ בעט,
אין רינעס שלאָפן — די הענט איר פאַר אַ קישן;
איר מאַמע האָט געהאַט אַ דאַך פון ערד.
זי — אָן אָפענעם הימל, אירע אויגן פליען
ערגעץ ווייט פאַר די שטערן, ווי שווארצע פלעדערווישן...

## ב.

פון פעטע זומערן האָט זי די שטויבן אין איר לייב איינגעזאַפּט.
זונען האָבן ברוינע העמדלאַך אויף איר גוף אויסגעהאַפט,
און אין ווינטער טעג האָט זי וועש געפּראַלט.
דער קלאַנג האָט אין די הויכן געשאַלט.
איר קערפּערל ווי אַ פידל דין,
מיט רויטע פלעקן אויף די קני.
ווינטן האָבן שטריק אויף איר האַלדז אויסגעשליפן,
מיט הענט פון זון און ווינט פאַרברענט,
ווי שפּיזלאַך דורכזיכטיק געאָדערט.
ראָז ווינשלדיק פאַרבלענדט...

## ג.

די באַלעבאָסטע אַזאַ פּעטע, אַזאַ ברייטע,
די שליסלען גלאַנצן אויף איר בויך,
ווי אַ קאַטשקע מיט פליגל אַ צעשפּרייטע,
קיינמאָל האָט זי נעבאָך ניט קיין כח...

מינדל רייסט דעם קויט פון שוואַרצע דילן,
אירע הענטלאַך, רויט ווי אייזן, בריען;
אויף גאַסן קינדער מיט ליאַלקעס זיך פאַרשפּילן,
ווי די פויגלען זינגען זיי און פליען...

מינדל מיטן באַרשט — אַ פאַרטראַכטע און אַ ווייטע,
הויבט אָן די באַלעבאָסטע מיט די פּיס צו קלאַפּן.
די באַלעבאָסטע אַזאַ פּעטע, אַזאַ ברייטע,
זי זידט, און האַלט גרייט חלשות-טראָפּן...

## ד.

אין אַ ווינטער נאַכט.
אויף טירן, פענצטער האָבן זיך ווי קעצלאַך געקלעפּט די שנייען.
די שטוב—אַ שוואַרצער בער, דרימלט אינם ווינטער־שלאָף.
און ווען דער מאָרגן הויבט אָן קרייען,
מינדל מיט קעלט דורכגענומען, מונטערט אויף דאָס נעכטיק פייער.
דער בלויער פראָסט אויף שויבן
לויכט ווי פון אַ צווייג די טרויבן...
ווי פון אירע שאָטנס אומגעטריבן שלאָגט דער זייגער.
האָט זיך מינדל צוגעקלעפּט צום אויוון מיט די קליידער,
ווי א שדל לאַכט דאָס טירל מיט די רויטע ציינדלאַך...
אַ כאַפּ געטאָן איר קליידל צווישן קנאַקנדיקע שפּענדלאַך.
מינדל דורכזיכטיק — אַ רויטער שלייער;
וויקלט זיך פאָכנדיק דאָס פייער.
ווי אַ פייער־אָדלער מיט פאָכנדיקע פלאַמען,
רופט זי רופט איר מאַמען...
די לאָדנס רייסן זיך פון געשריי,
ווי אַ פאַליקער קייקלט זיך דער שניי...
מינדל, אַ פייערדיקער רעגנבויגן,
מיט פלאַמענדיקע הענט,
מיט פלאַמענדיקע הענט,
ווי אַ פאַרטשאַדעטער פויגל, מיט פליגל אָפּגעברענט,
פליט זי אין שניי אַריין, ווי אין איר מאַמעס הענט...

ה.

אין דרויסן האָבן נאָכגעלאָזט די פרעסט;
טייכן האָבן אויפגעעפנט זייער האַרץ.
מיט די וואַסערן האָבן מינדלס בראַנדוואונדן געפּלאַצט,
ליגט זי מיט אויגן אָפענע פאַרשטאַרצט;
זעט איר מאַמען ווי זי קלאָגט און שפּאַנט,
מיט איר אָטעם לעשן איר די הענט.
אין דרויסן וואַרט אַ שליטן מיט פעלצן אויסגעבעט,
מען טראָגט זי ווי אַ קינד פון וויגעלע אין בעט;
פאַרשנייטע וועגן פירן זי אַוועק —
זון בלוטיקט רויט אויף איר וועג.

ו.

שניי אויף פעלדער אויסגעבעט,
עס טראָגט זיך שליטן ווי אַ שד.

עס שלאָגט אַ פּאַרע פון די פערד,
עס קערט דער ווינט דעם שניי און קערט...

שליטן קעמט אויף שניי אַ שרונט,
נאָכן שליטן לויפט אַ הונט.

עס איז אַ שיכור אַנגעלאָפן אויפן שניי,
בלייבט שליטן שטיין, פון זיין געשריי...

שיכורס אויגן — צוויי שטיקלאַך גלאָז,
ווי אַ שייטל האָלץ ברענט זיין נאָז.

ער גראָבט איין זיין פנים אין שליטן ווייס,
לאַכט דורך טרערן; „מיין קינד איז הייס"...

ווי פון שיכרות גיבן זיך די פערד אַ וויג,
עס האַלט דער ווינט זיין גוף צוריק!

ער פאלט אין שניי ווי צווישן ווענט:
„אויפן שליטן ליגט מיין קינד פאַרברענט!"

— — — — — — — — — — — — —

מיט צוויי הענט צום הימל אויסגעשטרעקט
גייט אַ שיכור אויף זיין וועג...

און ער צעווייינט זיך אויפן קול,
כאַפּט אַרויס די פלאַש און ליגט צום מויל...

ז.

טעג זיינען געקומען ווי הויקערס אף שפיטאָל.
ווי א שטאָט וואָס פאַרזינקט אין ים,
ליגט אין מינדלס אויגן דער דרויסן אָפּגעמעקט;
פאַר איר בעת סטאַרטשען חורבהדיקע טעג.
מאַנאַשקעס קרייזן אַרום איר פּרום,
ווי ראָבן שוואַרצע שווער און שטום:
אין מינדלס שוואַרצאַפּלען טונקען זיך צלמים,
פון נאָנעס געגוויגענע איבער איר פּנים...

ח.

ניט געהאַט האָט מינדל דורך אַלע אירע יאָרן,
ווען אַוועקשיינקען אַ וואָרט אַ קלאָרן;
בא די ווינטן האָט זי געלערנט ריידן,
בא די שטערן האָט זי געלערנט שווייגן,
די קוואַלן האָבן אויערן איר געשאָנקען,
פון דער נאַכט — געוויין געטרונקען.
אינם מאָרגן די אויגן געבאָדן
מיט חלומות האָבן בערג זי אָנגעלאָדן...
ווי אויף א ים — אין דער ווייטקייט שווימען,
זיך דורכריידן מיט אונזיכטבאַרע שטימען;
פאַרשמעלצן זיך מיט די שטערן,
און ניט ווערן, מער ניט ווערן...

## ט.

די זון האָט לעבן איר בעטל אַ פאָרהאַנג אויפגעהאַנגען,
אַ מילך־וואָלקנדל לויפט אַרום אין שויב אַ דערשראָקנס,
ווי אַ ווייס לאַשעקל אַ צעפּאַלאַשעטס...

עס טויכן אויף, עס טויכן אויף יענע טעג,
זי קוקט אויף אירע הענט מיט די באַנדאַזשן;
וויפיל וועש עס קויטיקט אויף די בוידעמס — ניט געוואַשן...

זי האָט פרעמדע וועש געפּראַלט אין טייכן,
געשפּילט מיט וואַסער־האָגל ווי אין טשייכן,
איר אייגן העמדל שוואַרץ — קינדער פלעגן וויכן...

דורך די נעכט אויף פייכטער ערד
האָט זי שטיל איר מאַמען לעבן זיך באַגערט;
מאַמע! מאַמע! זי האָט זי ניט דערהערט...

## י.

דורך מינדלס אויגן שטראַלט פרימאָרגנדיק די זון,
אירע וואונדן טריקענען זיך מיט דער פרילינגדיקער ערד.
מאַנאַשקעס מיט שוואַרצע פאַלדן קרייזן אַרום איר בעט,
מיט צלמים אַרום די בריסט — צלמדיקע הענט;
די וועלט אַ שוואַרצע אין די קליידער איינגעקלעמט...
זי האָט קיינעם ניט אויף דער גאָרער וועלט;
דורך אָפענע פענצטער הייגנען גלעקער,
ווי פולע בעכערס מיט געזאַנג,
מינדל טרינקט דעם וויין פון בעכער־קלאַנג,
מיט די גלעקער גיסט זיך קינדערשער געשריי;
זי האָט קיינמאָל ניט געשפּילט זיך פריי ווי זיי.

אויף די ליפּן דאָס געוויין נאָך ניט פאַרשטילט...
זי האָט הונגער מיט גראָז און ליים געשטילט...
מינדלס טרערן שניידן זיך מיט די שטראַלן פון דער זון;
גלעקער זאָגן אָן:
דער טאָג פון משפּט קומט אָן, קומט אָן!
פון בעט צו בעט פעדימט זיך אַ קול:
„אונטערגאַנג וועט קומען איבער זיי ווי איבער סדום,
דער טאָג פון משפּט קומט אָן, קומט אָן!"

## י"א

זייט יענעם טאָג זיינען זיך צערונען יאָרן;
מינדל אַ מאַנאַשקע איז געוואָרן.
מינדל הייסט „מאַרי", שפּאַנט פאַרלאָרן...
ווי בא אַ שעפּעלע די וואָל, אירע צעפּ פאַרשאָרן.
דורך איר שוואַרץ פאַרמויערטער צעל,
זעט זי אין דער נידער דעם שפּיטאָל,
אָן אָנגעגאָסענער מיט זון, אַ פינקלדיקע שאָל.
טרינקט זי זון פונם פינקלדיקן שאָל.
צלמט זיך מיט פרומקייט אויפן קול.
יעדער ציגל שוואַרץ און אַלט,
האָט אויסגעברענט גאָטס געשטאַלט.
זי האָט מיט תּפילות אָפּגעוואַשן אַלע שפּורן:
ווי רעדער האָבן זיך פאַרעדלט יאָרן...

## י״ב

אויף פעלדער — סטרונעס, אויסגעצויגענע זאנגען,
פון בוימער זיינען עפל געלזיכטיק געהאנגען...

ווי פארן טויט האבן שויטן זיך צוזאמענגעדרייט
מיט פארקראמפטע פינגער איבערן שטאכייט...

דער ווינט האט צעטריבן די וואלקנס פון הימל,
ווי א פוקס האט פאריאגט די שעפסן פון דרימל...

מילראד האט אויפגעהערט צו רוישן אין די אויערן,
דאס וואסער האט אין דער ערד זיך פארלוירן...

דאס קוואליק וואסער פונם ברונען,
איז ווי דער מאמעס מילך אנטרונען...

די ערד מיט שטויב באוואקסן און געשוואלן;
הינט מיט אויסגעשטרעקטע צינגער האבן וואנזיניק געקוואלן...

קלויסטער גלעקער האבן אויפגעציטערט אלע וועגן,
תפילות אין כאר — גיב רעגן, גיב רעגן!

אויף צלם גענאגלט האט „ער" זיך באוויזן...
עס האבן אים געטראגן צוויי מאנאכן-ריזן.

„מארי" אויף הימל-בעט איז געלעגן אויסגעצויגן,
עס האבן נאנעס זי געטראגן מיט אראפגעלאזטע אויגן...

זיי האבן ארומגעגארטלט שטעטל מיט פענער און צלמים,
מיט געזאנג געוועקט די ערד פון איר חלום...

צווישן חופּהס, גלמים, שילדן און שטאַנגען
איז מינדל, שוואַרץ געהילט, מיטגעגאַנגען...

עס האָט מאַנאַך דערזען זי צווישן אַלע,
געשלונגען אירע פּיס; זי איז שענער פון גאָטס כלה...

אירע נאַקעטע פּיס הינטער שווערן געוואַנט,
האָבן ערדס פרוכטבאַרקייט — און זיין בלוט פאַרסמט...

## י״ג

אין יענער נאכט האָט מאַנאַך די ביבל איר געלייענט,
מיט בליקן געשטאָכן איר לייב —
די ווענט זיינען פינצטערער געוואָרן,
נאכט האָט זיך אין די מאַנטלען פאַרלאָרן.
פינצטערניש איז געפאַלן שווער ווי שלאָף,
ווענט און נאכט פאַרשמאָלצן אין איין גוף...
צוויי גופים פון דער נאכט פאַרהילט;
יעזוס' אויגן פייערדיק צעשפּילט...
— — — — — — — — — — — — — —
ווי אַ האַרץ אַ שווערם האָט מיר זיך צוגעמאַכט,
אין מינדלס אויגן האָט זיך אויפגעלייזט די נאַכט,
בליצן האָבן דורך טרערן זיך צעלאַכט,
און די ערד פון גליווער האָט אויפגעוואַכט...

## י״ד

מינדל שיילט זיך אויס פון נאַנע־קלייד,
ווי עס שיילט זיך אויס פון בלאַט אַ קווייט...

דאָס הויז איז קראַנק, עס פוילט מיט אַלט ;
אירע האָר מיט ווינט — אַ בונדטער וואַלד...

וועגט מיט תפילות, וועגט מיט זינד,
יעדער ווינקל שוואַרץ און בלינד.

עס וואַרפט זיך הויז ווי אַ שיף,
עס טרינקט זיך לייב אין טיף, אין טיף...

אין שוואַרץ געוואַנט פאַרטרונקען לייב,
פון יעדער נאַנע ווייגט דאָס ווייב...

## ט״ו

וועט זיך אויסלעשן די נאַכט,
זיך ארויסטראָגן אין פעלד
מיט הענט — בלעטער פאַרגעלט.

זיך אַ לאָז טאָן אין דער ווייט
אָפוואַשן די זינד פון לייב —
פון מאַרגנשטערן נאָכבאַגלייט...

דורך שטיבלאַך נידעריגע וואו עס וואוינט די נויט,
וואו מענטש מיט מענטש זיצט שטיל פאַרטרויט,
וואו עס שמעקן הענט מיט וואָרעמקייט פון ברויט.

דער שפיל פון ווינט וועט זיין מיין פריינד,
דאָס ליכט פון טאָג מיין קלייד,
דאָס גרינע גראָז אַ בעט פון זייד...

## ט״ז

דער פּיין פון וועלט האָט ניט געקאָנט מער שווייגן,
אַלע הענט האָט מען אָנגעלאָדן מיט געווער,
דאָס בלוט פון פרעמדן איז געוואָרן אייגן,
יעדעם זיין האָט גערופן צום צעשטער...

סערפּ האָט מער פאַר דער זון זיך ניט באַוויזן,
ביים אַקער־אייזן פאַרזשאַווערט אַלע ציין...
מענטש האָט בויך פון ערד צעריסן,
און אָנגעשטאָפּט זי מיט זיין אייגענעם געביין...

שטיבער זיינען ווי שפּילכלאַך זיך צעפאַלן.
בערגיק איז געוואָרן יעדעם שטיקל ערד,
דער רויש פאַרשטומט געוואָרן אין די קוואַלן,
קוואַלן — באַוואַקסענע מיט גרינע בערד...

ווי אַ קו פלעגט גלאַק זיך ווען צערעווען,
קאָנאָן האָט אָפּגעענטפערט אין זיין ברום.
ווי די חיות פלעגן קולות ריטשען, רעווען —
אויף מאָרגן איז אַלץ געלעגן טויט און שטום...

יעדע שטאָט אַ בית־עולם איז געוואָרן,
יעדער גאָרטן פאַרזייט מיט טויט...
די וועלט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן
אין אַ גאָרטן פון בליענדיקן רויט...

## ייִן

מינדל טראָגט זיך דורך געצעלטן,
מינדל פלאַטערט ווי אַ פלאַם.
יונגען ליבן, יונגען שעלטן —
מיט איר ליבשאפט, מיט איר סם.

ווער עס וויל פאַרגעסן צער,
ווער עס וויל געפינען פרייד,
דאַרף זי אויספּילן אַ גזר —
מיט איר הפקרדיקן לייב...

פון אַלע כלות — זי איז די כלה.
פון אַלע ווייבער — זי איז דאָס ווייב;
זי איז אויסדערוויילט פון אַלע,
מיט איר הפקרדיקן לייב...

— — — — — — — — — — — — .

פון מאַנאַך דעם שוואַרצן פּיין
פלאַנצט זי איבער אין יעדן מאַן.
יעדער אַנגעשיכורט פון איר וויין,
אַנגעטרונקען מיט איר סם...

## י״ח

איבער יענער זייט דניעפּער, איבער יענער זייט ראַנד,
ווערט געבאָרן דורך שווערד אַ ניי לאַנד...

עס דונערט די וועלט מיט בלוטיקער שפּראַך,
קיניגע פאַלן, ווי אויף ברעטער פון שאַך...

ריטשקאַלאַך לויפן דורך וואַלד און דורך פעלד,
זאָגן אָן, זאָגן אָן געבורט פון אַ וועלט...

עס רעגנט מיט פייער, עס האַגלט מיט שרויט,
לעבן רופט איבער חורבות פון טויט...

באַליידיקטע דינסטן, צעטראָטענע זין,
מיט טריט ווי געפּויקן ציען אַהין...

*

ערגעץ האָט די ערד אַ בשורה איר פּאַרטרויט:
ערגעץ ווייט, ווייט, ווייט, ווערט אַ וועלט געבויט...

ווי אַן אָנזאָג פון ערגעץ וואו, צו וועמען;
מינדל קאָן דאָס וואָרט נאָך ניט באַנעמען...

עס וואָרפט אַראָפּ די נאַכט איר קויטיק העמד,
עס גייט אויף אַ נייער טאָג צעהעלט...

קומען מענטשן איר אַנטקעגן
אויף פרעמדע שליאַכן, פרעמדע וועגן,

זוכט זי סוד וואָס ערד האָט איר פּאַרטרויט,
ערגעץ ווייט, ווייט, ווייט, ווערט אַ וועלט געבויט...

## י״ט

זיינען געגאַנגען דריי מיידלאַך אין שטאָט,
דריי מיידלאַך מיט געבויגענע קעפּ.
האָט איינע געטראָגן אַן ערדענעם קרוג,
און איינע אַ זיידענעם שלעפּ.
די דריטע האָט שטיל מיט זיך גערעדט,
פאַרשטעלט זיך דאָס פּנים מיט הענט,
און אויף עפּעס געקלאָגט...

איינע האָט באַגעגנט איר חתן אין וועג,
ער האָט איר אָנגעמאָסטן אַ רינג.
די צווייטע מיט ערדענעם קרוג,
איז איבער נידעריקע שוועלן געגאַנגען אַראָפּ;
בלינדע און קראַנקע, דערלאַנגען אַ טרונק
פונם ערדענעם קרוג.

נאָר די דריטע, די דריטע
איז אין מיטן וועג געבליבן —
אויף עפּעס געקלאָגט...
ווען זי האָט שוין אויסגעליידיקט
דאָס געוויין פון די אויגן
האָט איינע, אַזאַ ווי זי,
צו איר זיך געבויגן;
דאָס העמד האָט אויף ביידן געברענט,
זיי האָבן זיך ביידע דערקענט,
אין שטילשווייגן דערלאַנגט זיך די הענט...

## כ.

האבן מחנות זיך געצויגן איבער שניי,
איז זי מיטגעגאנגען מיט אלעמען אין ריי...

האט א ווייסער רייטער זיך געטאן א וויג,
האט ערד א שווים געטאן אויף צוריק...

האט א בלענד געטאן דימענטדיק די וועלט,
זי — ביים ווייסן רייטער אויף די הענט...

האבן ווינטן זיי א בינד געטאן —
זיינען פנימער אין קאלטן גלי א פאל געטאן...

שנייעלאך צעפינקלט אויף די האר
מינדל אויסגעגאסן אינם רייטער — איין פיגור...

עס האבן מינדלס הענט אויפגעבלענדט,
הענט — צווייגן דארע אפגעברענט...

האט רייטער פנים אפגעווענדט —
מינדל מיט קאפ געבויגענעם אויף הענט...

שווארצע קראען האבן אין ווייסקייט זיך צעקרעלט,
פערד האט וויכערדיק זיין טראט פארשנעלט...

## כ״א

אין מיטן וועג בלייבט זי זיצן אויף אַ שטיין,
געוויין פון הענט פאַרקלעמט אין ציין...

ער איז אַוועקגעפלויגן ווי אַן אָדלער אין דער ווייט,
אַוועקגעטראָגן מיט זיך איר לעצטע פרייד...

מינדל בויגט זיך איבער קאָרטשעס צוויי און קלאָגט —
זי האָט ראָז ווינשלדיקע הענט פאַרמאָגט...

קיינמאָל ניט קאָנען ארומנעמען אַ גוף,
פאַר אַ האַלדז אויסבעטן אירע הענט צום שלאָף...

וועט זי פילן אַמאָל די וואַרעמקייט פון אַ קינד —
האָבן אויגן וואָס זעען און הענט וואָס זיינען בלינד...

מענטשן־מייז האָבן וועלט צעקריזשלט ביזן ביין —
זי וועט פויזען ווי אַ שלאַנג מיט גיפט אין ציין.

זי וועט זיך לייען הענט ביי אירע פיס —
אויף יעדן נאָגל אָנטאָן זיך אַ שפּיז...

ווי אַ גאָלדן ליכט ציט זיך אוים איר גוף —
זי הויבט זיך אויף און גייט, ווי נאָך אַ גלאָקן־רוף...

עס האָט דער שניי די מאָס גענומען פון איר יעדן טראָט:
מינדלס איבער וויסן שניי האָבן זיך געטאָן אַ שאָט!

הענט מיט נויט, הענט מיט גרויל:
אין יעדן אָרעם שלאָפט אַ קויל...

הימל פאַרבט זיך רויט, ווי בלוט אויף שניי —
מינדלס גייען איר נאָך, ריי נאָך ריי...

פאַרוים גייט מינדל, קלאָגט ניט מער אויף אירע הענט,
זי טראָגט איר לעבן אַנטקעגן — דער נייער וועלט...

## כ״ב

האָט דער ווינטער אויסגעטאָן די ווייסע הענטשקעס פון צווייגן —
שטייען בוימער ציטערדיק מיט שוואַרצן שווייגן...

עס האָט ערד אָפּגעוואַשן דעם ווייסן פּודער פון איר פּנים,
יעדעס בעכערל פון ערד איז פול מיט פרישן זאָמען...

קנאָספּן שטרעקן צו די וואָלקנס ליפּלאַך אָנטקעגן,
וואָלקנס האָבן זיי אָנגעזויגן מיט מילך — רעגן...

יעדער בוים איז גרייט פאַר נייע ווינטן,
מיט גופים נאַקעטע דעם זומער צינדן...

לאָזט איבער יעדער זומער אין די רייפן נייע שפּורן,
ווי אין אַ שטערן קנייטשן לאָזן איבער יאָרן...

און דער בוים מיט קלוגשאַפט, און מיט שווייגן
טיילט און טיילט יעדן זומער נייע צווייגן...

עס האָבן בוימער זיך אָנגעטאָן אין פרילינג,
ערד און מינדל, אַ ניי געבוירענער צווילינג...

## כ״ג

איבער שטעטל, איבער ווייטע־ווייטן,
טראָגט זיך ווי אַ פויגל אַ געזאַנג.
מיט פויקן און מיט פלייטן
שאַלט און רופט דער קלאַנג.

איך בין דער הפקרדיקער וואַלד,
מיט זיינע נאַכטיקע געשטאַלטן,
מיין האַנט — אַ האַק,
וואָס וועט די נאַכט צעשפּאַלטן!

איך בין דער לויטערער טאָג,
וואָס האָט די נאַכט אין זיך באַהאַלטן,
מיין וואָרט — אַ בליץ
וואָס וועט דעם הימל שפּאַלטן...

מינדל ענטפערט אַריבער באַרג און טאָל,
אירע אויגן — צוויי טראָפּן טוי:
— דער טאָג פון משפט איז שוין דאָ!
עס זאָגט אים אָן אַ פרוי...

זי וועט אַנטקעגן גיין די יונגען
פון דער נייער וועלט!
טראָגן ווי צוויי פאָנען
אירע אויסגעברענטע הענט...

## כ״ד

גייען זיי און גייען;
אַ לבנהדיקער וואַלד.
גייט מיט זיי אין רייען,
אַ מיידלשע געשטאַלט.

שפּאַנען יונגע זקנים,
ציען אַלטע יונגען;
אַלע דאָ אינאיינעם
האָבן פרייד צעקלונגען...

נאַכט הער אויף צו וויינען!
טאָג הויב אָן צו זינגען! —
גייען זיי אינאיינעם,
אָט די „הפקר־יונגען״.

איבער יעדן שייטער,
שפּאַנען זיי און שפּאַנען.
גייען, גייען ווייטער,
קומען איבער ימען.

גייען זיי באַפרייען
זיך און אַלע וועלטן,
וועלן זיי פאַרזייען,
פרייד אין אַלע צעלטן...

# IX

מלכה לי

# לידער

# דאָס שטיינערנע פּנים

ריזן האָבן אויסגעצויגן זיך אין הויכן
מיט דער גבורה פון פאַרשטיינערטע גיגאַנטן.
מענטשן אין דער נידער ווי אין ימען טויכן;
טויכן מיט די ליכטער, ווי טויכער נאָך בריליאַנטן...

הפקר רופט דאָס ליכט, אויף ניו יאָרקער גאַסן,
רופט צו זיך ווי גאַסן־פּרויען:
פון אַלע פעלקער, פון אַלע קלאַסן
קומט באַוואַונדערן, פאַרגעסן און פאַרטרויען!

אויסגעשטרעקט זיך אַנטקעגן זונען־ליכט,
אין רייען שטייען זיי, ווי לעגיאָנען.
פון איין שטיינערנעם ריזיקן געזיכט —
האָבן צוגערוקט זיך הייזער אין מיליאָנען...

האָבן אָפּגעווישט די בוימער מיט די וואָרצלען,
האָבן איינגעשפּאַנט די וואַסערן אין לויף,
דאָס ליכט אין בלומענקרענץ פאַרצויגן,
שטייגנדיק צום הימל אַרויף, אַרויף...

האָבן אויסגעביטן דעכער פאַר דער ערד,
פלאַנצן זייערע בוימער אין דער הויך;
ניטאָ דאָס ווייטיקן פון ליבער ערד,
נאָר דאָס ציען זיך, ציען אין דער הויך...

איינגעשפּאַנט די מענטשן. און מאַסן
אויף באַנען אַ לאַז געטאָן אין וועג,
זיי אַ פלייץ געטאָן, אויף רוישנדיקע גאַסן,
ווי וואַסערן פון דאַמבע אין געיעג...

ווי אַ ריזן בינען־שטאָק קוקט אויס די שטאָט;
יעדע גאַס אַ פּראָצעסיע פון אָטאָמאָבילן.
אימיץ מיט אַ האַנט מאַלט און מאָלט —
מאָלט זיי דורך טונעלן — ווי תבואה דורך די מילן...

ניו יאָרק שפּילט אויף בריקן ווי אויף האַרפן,
קוימענס הירזשען ווי טראָמפּעטן —
האַרפן, איבער וואַסערן פאַרוואָרפן,
שפּילן אויס דעם ריטם פון מאַנהעטן...

# פון קרייזלערס בילדינג

צו דער זון מיר האָבן אויסגעחלומט טרעפּ,
און געבליבן הענגען אין דער מיט;
רוים מיט שטיין אין אַ געוועב —
און מיר צו דער ערד געשמידט...

איך קוק אַראָפּ פון העכסטן גאָרן —
ווי אַ גאָרטן ליגט פאַרזייט די שטאָט.
יעדער שטיין איז יונג אין יאָרן
און יונג איז אויך דאָ יעדער טראָט...

ניו יאָרק דרייט זיך אין איר קרייז.
שוואַרצע מענטשלאַך טאַנצן גיך, גיך,
ווי זיי וואָלטן גליטשן זיך אויף אייז,
ווי זיי וואָלטן טראָגן רעדלאַך אויף די שיך...

זיי זיינען געקומען פון אַלע עקן וועלט,
יעדער האָט געבראַכט די גבורה פון זיין לאַנד;
מענטש מיט מענטש איז זיך פאַרבליבן פרעמד,
נאָענט איז געוואָרן וואַנט מיט וואַנט...

## מיטאָג-ברויט

גערזאַנג פון הענט האָבן ציגל געפורמט,
אַזוי ווי די בינען ציגל אויף ציגל געטורמט,
צו דער זון האָבן רויטע ווענט זיך גענורעט...

אין שטוב זיינען פייכט און קוילי די ווענט,
נאָס פון שווייסיקע, בויאיקע הענט,
וואָס קנעטן ליים מיט קאַלך און צעמענט.

האָבן אַרבעטער אַ פּלאַס אויפגעהעלט
צו טריקענען פייכטע ליימיקע ווענט,
האָט רויך די זון פאַר טיר פאַרשעמט...

אין שוואַרצן רויך, דורך גערזאַנג פון הענט,
אין בלינדן טומאַן צעשווימען די ווענט,
שיילט זיך אויס אַן אַרבעטער אין אַ לייווונט-העמד.

געהילט אין רויך, געבויגן פאַר זיין מיטאָג-ברויט,
פון זאַמד געדעקט אויף דיל דער טיש,
מיט קאַלך דאָס ברויט, ווי ליסקע אויף פיש...

זיינע שורות ציין ווי קלאַווישן בלאַנקען,
זיין גבורה שפילט אַרויס פון ווענט און שטאַנגען,
און ער עסט זיין ברויט — צווישן פרעמדע ווענט געפאַנגען...

# מיט־נאַכט אין זאָאָלאָגישן גאָרטן

שטאָט ליגט אַ שיכורע מיט רעש פון טאָג.
שטיבער האָבן איינגעשלונגען טריט פון גייער,
גאס זשאַרעט זיך אין איר אויסגעלאָשן פייער...

פול ווי אַן אויג, איז הימל מיט לבנה —
מיט־נאַכט, וואַכט אויף דער וואַלד,
מיט געזאַנג, מיט געבריל, מיט געוואַלד...

וואַלד וואַכט אויף פון טיפן שווייגן,
שרייט ארויס מיט אַלע צווייגן,
חיות רייסן, רעווען אין די שטייגן...

אַזאַ געוויין, אַזאַ געוויין, ווי אַ נעגערישע לויה...
חיות בייַנקען צוריק צום אור־וואַלד —
הילפלאָז אין חיהשן געשטאַלט...

בייַנקען בערן נאָך נאָרדישע וועלדער.
סיביר וויכערט מיט שנייאיקע קעלטן
דורך בערישע אויגן — פראָסט אין געצעלטן...

וועלף מיט פייערן אין אויגן געשליפן —
שמעקן די טריט פון סוחרים און שניפן
זייער אייגענע פעל אין סוחרישע פעלצן...

ווילדע קאַטשקעס קראַקען אוים דאָס פליען,
בייַנקען נאָך ווינטן פון היגלען,
נאָך טייך, וואָס צעפּאַכט זיי אין שפּיגלען...

קעמלען האַרביקע מיט יאָך פון יאָרן,
מיט קילקייט פון נילוסדיקע ראַנדן
אָטעמען מיט ברי פון הייסע זאַמדן...

לייבן מיט דער געלקייט פון האַרבסטיקע בלעטער,
מיט שלאָף פון פאַרשלאָפענע קינדער בא ברוסטן,
נורען זיך, וואַכן אויף נאָך נאַכטיקע גלוסטן...

צערייצטע טראָפּישע טיגערס,
מיט פאַרצוקונג אין בייז גרינע אויגן...
ניוכען מיט העלדזער צעצויגן...

מאַלפּעס מיט שוואַרץ נעגערישע ליפּן
שלעפּן די עקן ווי קייטן און זשיפּען
נאָך ווינדיקע צווייגן צו היפּן...

זשיראַפן הויכע, ווי שלאַנקע קריגער,
וואָס ציען זיך אויס בא פעסטונגען ווי זיגער,
שטייען גרייט מיט שטומער וואַרטעניש ווי קריגער...

זיי אַלע, אַלע, ריידן זיך אין דער נאַכט צוזאַמען —
סיביר מיט מדבר, און אַפריקאַנישע שטאַמען;
אור-וואַלד צים אַזוי — ווי צו אַ מאַמען...

## פינצטערע האָטעלן

שלעפּט דער „על” זיך שלעפּערדיק אין נאַכט,
שאַרט פון גאַסן זיך מיט קלאַפּנדיקער שרעק.
אויגן בלאַנדזשען ערגעץ צו אַ ברעג,
טוליען אַקסלען זיך אַזוי פאַרשמאַכט...

שווימט לבֿנה אום אין אַ שויבן־טאַנץ,
גנבֿעט זיך אַריין אין יעדן הויז.
פון דער פינצטער וואַקסן סילועטן אויס,
זילבערן זיך אין לבֿנהדיקן גלאַנץ...

בלענדן פענצטער־מיילער פון האָטעלן
מיט ראַלעטן סודותדיק געראַלט.
אפשר קאַרטשן לייבער זיך פאַרקנוילט
אויף אַלטע איינגעהויקערטע פּאָטעלן...

האָבן מאַן און ווייב זיך דאָרט באַגעגנט?
מיט טרערן ראַלנדיק הינטער ראַלעטן,
מיט דורשט פון פאַרטריקנטע סקעלעטן,
זיך אין פינצטערניש געזעטיקט...

האָבן גאַסן־יונגען זיך פאַרקליבן?
מיט אַ שעמענדיקער טונקעלער געשטאַלט;
רייסן קליידער, העמד, און זאָקן מיט געוואַלט,
שפּעטער — זי אין עלנדקייט פאַרטריבן...

האָבן צוויי אויסדערוויילטע זיך געפֿונען?
מיט שטיינגלאַך בליטן־פּרייד;
קושן — דינעם אונטיקן זייד
היילִיק, אייניק זיי פֿאַרשפּונען...

— — — — — — — — — — — —

געשפּענסטיק שווינדן נומערן פֿון טירן.
דורך מיינע אַקסלען ווייִנט דער אונטער־שרעק —
רעדער זימערן, קייקלען זיך אַוועק
אין דער פֿינצטער צו אַ ברעג דערפֿירן...

# נאַכט פון טרויער

(אויפן טויט פון סאַקאָ־וואַנזעטי)

נאַכט אַן אַנגעטרונקענע — אַ ווייטע,
און די שטערן צאַנקנדיקע, טויטע
ווי אויגן עלעקטריזירטע, פֿאַרבלויטע...

האַלב־לבנה, אויער, פלאַמיקער רויטער,
בויג זיך איין, עס קומט ווער אַ טויטער,
צעפלאַם זיך פלאַמיקער און רויטער...

האַלב־לבנה, נויג אַראָפּ דיין אויער
צו יעדן פענצטער, צו יעדן טויער,
איבער וועלט, זאָג אַן דעם טרויער:

# אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן

צוואַנציק טויזנט קעפּיקער ריז,
האָסט זיך א הויב געטאָן,
א פּאָך געטאָן, ווי א מינעדיקע שפּיז...

בין איך א פאַרכשופטער אָדער אין דיר,
אין דיין בליץ, וואָס האָט א בליץ געטאָן,
ווי א רעגנבויגן פאַר דער זון...

וויגסט זיך אום, ווי אין א ברענענדיקן וואַלד.
דיין געזאַנג האַמערדיקער שטאָל.
איך וויג זיך אום אין מיין אייגן ווידערקול...

איך קוק אין דיר, מיט דיר דאָ גלייך,
ווי א שטראַל אויף א שווימענדיקן טייך,
פאַרשווינקט זיך אין דיין פאַרבן רייך...

דיין ליד — דער רוף !
שטייט אויף פון שלאָף !
שטייט אויף !

# אויף רויטן סקווער

איבער אַלע וועלט-טיילן אייך געזען מאַרשירן:
פינף ימען אין איין בונד געפורמט,
ווי וואַלפיש האָבן קעפּ געשטורמט...

אין מיין בלוט די טריט אייערע דערפילט,
ווען רויטער סקווער האָט מיט פּיס געזונגען.
הינטער יעדן טראָט האָבן ווייטן אָפּגעקלונגען...

ווי אַ גלאָק האָב איך אייער רוף פאַרנומען.
שיכורדיק איבער ווייטן איז מיין קול געשוואומען.
אָט אַזוי ווי אַ קינד אין ראָד בין איך צוגעקומען.

אין אייער מיט בין איך אַריין, געבויגן און פאַרשעמט.
האָט איר מיך אָנגעשלאָסן אין פּאַנענדיקע הענט,
נאָענט געוואָרן אייך, ווי צום לייב דאָס העמד...

אין ראָד מיט אייך האָבן זיך אויסגעגליכן מויערן.
איבער מענטשן-קעפּ האָבן הענט זיך אויסגעשטרעקט,
מיט פּאַנען-הענט די שטאָט געוועקט...

# אַ צייכן

איך האָב אין לעבן זיך אַנגעליטן
און א סאַך, א סאך פאַרלוירן,
וואָלט איך מיט קיינעם זיך ניט געביטן:
אין אַ מזלדיקער שעה בין איך געבוירן...

עס מאָנט דער ים מיך מיט זיינע שיפן.
אַ לאַנד פון פרייד ליגט פאַר מיר אויסגעשפּרייט.
זאָל נאָר אימיץ מיט א צייכן רופן,
בין איך שטענדיק, שטענדיק גרייט.

מיינע אָרעמס וועל איך קאָווען מיט פליגל פון אַן אָדלער,
אַ לאָז טאָן זיך איבער ווייטע ימען,
ווי א יונגער רויבער, ווי אַ ווייטער וואָגלער,
זאָל נאָר אימיצער מיך צאַמען!

# דאָרטן

די שטיבלאַך שלאָפן.
מענטשן שלאָפן אין די שטיבער,
ווען אַ רויטער קריי מיך רופן —
וועלן שאָטנס פון די גריבער
אויפשטיין פונעם שלאָפן...

ערגעץ אין אַ לאַנד אַ ווייטן
שלאָפסטו דאָרטן מיט אויגן אָפן.
הערסטו איצט דאָס רופן!
דורך דער שטומקייט פון די צייטן
בליען, גליען, בלומען בייטן...

דורך די שלאָפנדיקע שטיבער,
דורך דעם מוראַדיקן שטומען,
שיק איך דיר מיין טרויער אַריבער.
איך וועל קומען, איך וועל קומען!
איבער טויטע גריבער...

# מיידלאך

מיט אזוי פיל אומרו טראָגן אונז די באַנען
צו אייך, יונגען, אין די רעסטאָראַנען!...

עס האָט אונז זון אויף עוועניוס ארויסגעטריבן
אימיצן געפינען, אימיצן צו ליבן...

מיט אזויפיל אומרו רופן אונז די ווייטן,
מיר זיינען פול און צייטיק ווי די בייטן...

מיר זוכן זיך אין טויזנטער געשטאַלטן
דאָס ליב, דאָס ווייבלאַכע, באַהאַלטן...

מיר טיפן זיך אין פושקין און אין לענין
דאָס ליכט, דאָס לויטערע באַנעמען...

וואָס זאָלן מיר טאָן? מיר שטייען פאַר אַ וועלטס געבערן:
אַז צום קושן צינדן זיך די ליפן אויף די סקווערן...

מיר טראָגן אוצרות אום — פאַר וועמען?
קיינער וויל ניט קוקן — קיינער וויל ניט נעמען...

ערגעץ ווילן מיר זיך פאַרלירן און פאַרשרייען,
און קאָנען אַלץ פון זיך אַליין זיך ניט באַפרייען...

פון אַלע רעסטאָראַנען, קאַפייען און ראַיאָלן
פאָרן מיר צוריק אַהיים אַזוי געפאַלן...

# פרימאָרגן צו דער אַרבעט

פרימאָרגן עפנט אויף די בלויע טויערן,
צעפליען מענטשן זיך אויף גאַסן ;
לויפן טרעפּ ארויף, טרעפּ אראָפּ,
און אין די טריט קרויזלט זיך דער שלאָף...

שלעפערן זיך מיידלשע גלידער,
אין פּראַסטיקן הויך פון פרימאָרגן,
שפּרייטן זיך אוים אַ געלעגער,
פון אויגן אין אויגן פאַרבאָרגן...
מישן זיך אוים ווי מטבעות,
אויפן פּלאַטפאָרם פון סאָבוויי...

לויפט אָן די באַן, אַ שלאַנגיקע פון טונעל,
און פאַרשלינגט זיי אין איר קעל.
נויגן זיך לייבער, צו לייבער,
פלאָנטערן זיך פינגער אין פינגער,
וויגן זיך מיידלאך ווי פּאַלמעס,
אין די קנייטשן רייפן טעג ניט אויסגעשעפּטע,
פון די ווינקלען וויינען נעכט ניט אויסגעלעבטע...

מענער, מיט הונגעריקער תאווה
אויף רוקנס פון מיידלאך געפּרעסט,
זיי אָטעמען שלאָף נאָך פון לייבער,
און זוכן זיך ערגעץ אַ נעסט...
פלעכטן הענט זיך אויף היינגערס,
ווייסע, געלע, חלבדיקע ליכטער
צינדן אָן דעם טאָג אין פלאַמען.
און דער עלנט פון געזיכטער
פלעכט זיי אַלעמען צוזאַמען...

# אין שאָפּ

א יום־טוב היינט אין שאָפּ!
אויף טישן־רויש סודען זיך בלומען —
די כלה וועט היינט זעגענען זיך קומען.
קרענץ מיט מיידלאַך אַרום די טישן.
אַרום די האָר — זון פון קאָלירטע בענדער,
פון ברעגן גליטשן הענט זיך אום מיט העמדער...
מיידלאַך האָבן טאָג מיט הענט צעריבן...
שטימען זשומען, זשומען ווי די בינען,
איבער זיי רוישן די מאַשינען...
טיר האָט ווי אַ געלעכטער זיך צעעפנט:
די כלה יום־טובדיק לויטער איז אַריין,
מיט פּעקלאַך לעקעך, בראָנפן, טאָרט און וויין.
מיידלאַך האָבן ווילד געפּלאַטערט און געליאַרעמט;
און אַלטע מיידל געשטופּלט ווי אַ קראָקאָדיל
האָט איבער אַלעמען געיאָמערט אין דער שטיל...
זי האָט געטרונקען פאַר דער כלה אין איר אייגענעם געוויין—
איר אויג האָט ווי פון כריין געטרערט ביים וויין,
אפשר וועט זי — נאָך איר — די צווייטע זיין...
וועט זי קיינמאָל, קיינמאָל ניט זיין אַ כלה —
געוואָלט אויסשרייען: זיי אַלע, אַלע,
זאָלן צינדן ליכט מאַכט היינט זי פאַר דער כלה!

אלע העמדער וואָלט זי אין אַ שייטער צוזאַמענגענומען,
ווי אויף אַ מזבח אָנצינדן דעם שאָפּ פאַרברענען,
אין פלאַם זאָל זי איר חתן דערקענען...
זיך איינוויקלען אין קנוילנדיקן רויך,
ווי אַ שלאַנגען-שרויף שלענגלען זיך אַרויף, אַרויף...
ווייל מאָרגן וועט ווידער וואָך אין שאָפּ דאָ זיין,
זי וועט שטום און קלאַנגדיק אויפן דיל
ציילן העמד נאָך העמד אין דער שטיל...
אַ שוואַרצהויטיקער האָט אויסגעקערט דעם שאָפּ,
אין דער האַנט אַ בעזים און אַ גלעזל בראָנפּן.
די צונג האָט נאָך ווערטער —
ווי אַ בויגן נאָך קלאַנגען זיך געוואָרפן...
די אויגן זיינען אומגעלאָפן ווי די מייזלאַך,
אין אַלע ווינקלען האָט ער פאַרלוירן זיינע רייד,
אַראָפּגעשלונגען דעם בראָנפּן מיט זיין פרייד...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין מחנות האָט פאַרפלאָנטערט זיך דער אָוונט,
די כלה האָט איר יום-טוב פאַרזוימט
ווי תבואה איז אויפגעגאַנגען יעדנס פרייד...
זי איז מיט בלומען צום באַן געגאַנגען.
אַרבעטער האָבן זיך אָנגעשלאָסן מיט טאַנצנדיקע טריט,
געגאַנגען זיינען שעפער מיט די גאַסן מיט...

# ווי אַ ציגײַנערן

ווי אַ ציגײַנערן וויקלט זיך בראָדוויי אין ליכטער,
עס שטראָמען צו איר אָוונטיקע געזיכטער...

מיט ליכט און שאָטן פינקלען פֿאָנאַרן,
שיכורדיק מיט פּוסטרים זינגען טראָטואַרן...

מיידלאַך שוועבן מיט שמינקע און בוקעטן,
עס שמעקט פֿון זיי מידקייט פֿון בעטן...

אַ מאַטראָס, אַ בלויער, איז פֿאַרבײַגעפֿלויגן,
מיידלאַך מיט אָוונטיקע לײַבער האָבן זיך צו אים געצויגן.

זײַנע אָרעמס, צוויי רודערס, זיך צעשפּרייטן,
זײַן גוף — אַ כוואַליע פֿאַרטראָגט אין ווײַטן...

ווי אַ ציגײַנערן מיט שרײַענדיקע קרעלן
רופֿט בראָדוויי מיט ליכטער פֿון האָטעלן...

# מאַטראָסן

מאַטראָסן,
ווען איר טראָגט זיך פאַרביי,
גיט אַ פּאַך אויף מיר די ווילדקייט פון ים
מיט זאַלציקייט פון אייערע אַנטבלויזטע העלדזער.
איר טראָגט נעכט אין זיך הינטער ים און לבנה,
סודות פון קאָנטינענטן.
אייערע טריט זינגען — שיכורדיקייט פון שיינקען,
אין אייערע פּנימער — אַ בייִנקען
נאָך לייבער פאַרלענדטע,
אויף שייטערהויפנס פון הונגער פאַרברענטע...
מאַטראָסן!
ווען איר וועט זיך וויגן אויף מאַסטן
פון אַ שיף — צערייצט פון שטורם,
ווי אַ חיה אין פאַרעסענעם ברומען —
וועל איך אויפלויכטן פאַר אייך —
אַ ליכטיקער טורם,
וועל זיך קרייזלען אַרום אייך
אין די ימיקע ווינטן,
און וועל פאַרשווינדן — פאַרשווינדן...

## אַ גאַס

צוויי שערייַנגעס מויערן — גאַס אַ תּפֿיסה.
ווי אַ קאַנאַל ציט זיך הימל אויבן.
אומעטיקע פּנימער קוקן דורך די שויבן...

אויף גאַניקעס הייַנגען ליילעכער און העמדער,
זיי זייַנען נאָכגיביק צום ווינט ווי קליינע קינדער,
און פירן זיך פֿון ווינט, ווי פֿון קלאַנג — אַ בלינדער...

אונטן זידט די גאַס מיט טריט. געשרייען.
אַלטע לייַט טראָגן אום פּאַרקויפן לופט־באַלאָנען.
קינדער קוקן זשעדנע מיט פּנימער — ציטראָנען...

אויף שוועלן זיצן ווייַבער מיט דאגות אָנגעלאָדן,
מיט שאַכטלאַך זאָקנבענדלאַך, פֿינגערהוטן,
אין שאַלן אייַנגענורעט, ווי בוימער אין שאָטן...

עס רוישט די גאַס. עס רעדט פֿון היץ די לופֿט.
און די אַלטע שטימען ווערן צעמאָלן הינטער רעדער
ווי אויף אַ רוישנדיקן ים — אַ פֿעדער...

צוגעוואַקסן צו אַ מויער שטייט אַ בוים אַ דאַרער,
לעבן בוים אַ שטול מיט צעריסענע גלידער.
אַ זקן זיצט דאָ מיט אַ הונט אַ מידער...

קוימענס פּייַפֿן, רעדער רעדלען, קינדער קוויטשען.
דער טאָג אייַנגעשפּאַנט אין וואָך — אַ פֿערד אין וואָגן.
מענטשן לויפֿן, איילן זיך, ווילן אים דעריאָגן...

## טשאַנג-לינג

טשאַנג-לינג דו אַלטער,
טשאַנג-לינג דו געלער,
וואָס שטייסטו מיט הענט פאַרבראָכן?
ווי אַ בארג אַן אוראַלטער,
אין פינצטערן קעלער
מיט פּנים פון קנאָכן?

אַ גאַנצן טאָג געוואַשן,
אַ גאַנצן טאָג געביגלט
ווייסע זיידענע העמדער.
ווען דער טאָג איז פאַרלאָשן,
אַלע טירן פאַרריגלט,
שטייסטו איינער אַ פרעמדער...

אויסגעטאָן פון די העמדער,
מיט האַלבע לבנות אין בליקן,
מיט פינגער צעבריטע —
שוועבסטו צוריק צו די לענדער
אויף לופטיקע בריקן;
אין דיינע אויגן — רייז פעלדער צעבליטע...

טשאַנג-לינג, דו פרעמדער,
טשאַנג-לינג, דו געלער,
פון דאַמף אַ פאַרברענטער,
ווי שנייען די העמדער,
פאַרבלענדן דעם קעלער.
דו שטייסט איבער זיי אַ פאַרשעמטער...

# גאָטס שוואַרצער לאַם

זיי האָבן אים אַרויסגעפירט
מיט נאַקעטע פיס, געבונדענע הענט.
פון דרום זאַמד זיין הויט פאַרברענט.
אויליק איז פלוצלינג געוואָרן זיין לייב,
זיין שוואַרצער גוף אין טרערן צעשיינט...
דער וואַלד האָט זיך געבויגן ווי פון מעסער שניט
אויף צוריק, אויף צוריק —
גאָטס שוואַרצער לאַם
האָט זיך געריסן פון שטריק...

אַזוי האָט מען זיין זיידן געבונדן צום בוים.
אויף ליפן — גאַליקער שוים...
פויסטן ווי העק צעשוואונגען אין רוים.
שפּילט טאַם אויף ציין אויס דעםווינט,
אַרום אים טאַנצן מענטשלאַכע הינט.
פאַר יעדן הונט אַ ביין...
זיין גוף איז מער ניט ווי ליים...
פון אייגענעם גוף שוין פאַרפרעמדט,
גיט ער זיך איבער אין הינטישע הענט...

אין מיטן דער נאַכט אַ געשטאַלט
איז געלאָפן איבער פינצטערן וואַלד —
איר לייב ווי ערד שוואַרץ געקאַרבט,
דער וועג רויט אָפּגעפאַרבט...
וואוהין זיינען זיי אַלע אַוועק?
בוימער מיט מעסערס און העק —
נאָר איין בוים בלוטיקט ביזן שטאַם...
איבער אים גייט אויף גאָטס שוואַרצער לאַם —
איר זון — איר טאַם...

# צום זינגענדיקן טורם

1

אויף אַ שפּיץ פון באַרג —
אַ פויגל־טורם.
זיין געשטאַלט — פון קלאַנגען.
גלעקער — זיינע אויערן,
פידלען — זיינע שפּיצן,
פאַלמען — זיינע וויעס,
זון אין זיינע בליקן,
ברויטן — זיינע ציגל,
ים — זיין שפּיגל.
רעדט מיט שפּראַך פון פויגלען,
פויגלען מיט בלויקייט אין די פליגל
ציען צו זייער טעמפּל
איבער זוניקע רוימען
מיט רעגנבויגנדיקע קרוינען...

2

און אין די טאָלן
ציען שוואַרצע שקלאַפן
מיט וואַלד אויף קעפּ,
מיט ערד אויף לייבער,
זידנדיקן קאַלך אין ווייסלען...
פּעלזן אין די פויסטן,
זעגן אין די ציינער,
בייטשן אויף מיילער...
ווען דער טורם צעשווינגט זיינע צונגען,
שטרעקן זיך פון טאָלן
פּלייצעס געבויגענע פון יאָרן.
דאָס שוואַרצע ליד,
פון קייטן אויסגעשמידט,
ציט זיך, ציט
צום זינגענדיקן טורם...

(עדוואַרד בוק האָט אויסגעבויט אַ טורם
פאַר פויגלען אין פלאָרידאַ)

## צוויי מינוטן פינצטער

(אויפֿן טויט פֿון טאָמאַס עדיסאָן)

די גאַסן מיט שוואַרצע פֿאָנען צעהאַנגען;
א מענטש איז געווען, א מענטש איז פֿאַרגאַנגען...

פֿינצטער דאָס לאַנד אויף צוויי מינוטן.
דער מענטש פֿון ליכט — ווערט צוריק שאָטן...

די שטאָט ווי אַ וואָלקן, פֿינצטערער, בלינדער,
מיט פֿאַרלאָשענע אויגן אויפֿן טויט פֿון דערפֿינדער...

פֿון נאַכטיקע פּעדים פֿאַרציט זיך אַ ניגן,
דער מענטש פֿון ליכט — וועט אין פֿינצטערניש ליגן...

פּלוצלינג די וועלט איז צוריק ליכטיק געוואָרן,
שויבן אויף שויבן, פֿון גאָרן צו גאָרן...

שויבן מיט ליכטער — ווי גאָלדענע שפּיגלען,
פֿינצטערניש שווינדט אויף צעריסענע פֿליגלען.

די ערד האָט דעם מענטשן צו זיך גענומען;
זיין ליכט אָבער לייכט — אייביקע זונען...

## אַרבעטסלאָזע

יונגען געזונטע, ווי דעמבענע ריזן,
בעזימער אין הענט, און ליפּן פאַרביסן...

שוואַרצע און ווייסע, אידן און קריסטן,
שטייען אין רייען און שאַרן די מיסטן...

ניטאָ קיין מיסט אויף טראָטואַרן —
דעם הונגער פון שטאָט זיי שאַרן און שאַרן.

ליגן אויף גאַסן מענטשן און פרירן,
דעקן זיך איין מיט זעק און פּאַפּירן.

צווישן הימל און ערד היינגט דער ווינטער —
די שטאָט איז פּוסט ווי אַ נאַקעטער צווינטער...

יעדער וויל פון אייגענע הענט זיך באַפרייען —
וואַרט מען געבויגן פאַר טירן אין רייען.

מאָנונג אין לעפל! וואַרנונג אויף טעלער!
אין אויגן שטראַלט האָפנונג — ווי זון אין אַ קעלער...

פויסטן אויף טישן — ווי הונגעריקע ראַצן,
ווי אַ שאָלאַכטס פון איי — איז די לופט דין צום פּלאַצן...

# אינדיאַנער זומער

ווער האָט צעשאָטן אזא גאָלד
איבער גאָלדענעם וואַלד?
געווען זיינען שבטים
מיט גאָלדענער הויט,
מיט נאָוועמבער צעשאָטן
גאָלדענעם שרויט...

ווער האָט צעשאָטן
גאָלדענעם שרויט?
געווען זיינען שטערן
פינקלדיק רויט,
מעטעאָרן געפאַלן
פאַרגליווערט און טויט.

ווער האָט צעשפּליטערט
די זון איבער וואַלד?
אין די טעג האָבן שבטים
זייערע טרובעס צעשאַלט
איבער גאָלדענעם וואַלד...

אמאָל זיינען שבטים
געוואַקסן אויף בערג,
מיט גאָלדענע טעג,
געטרונקען די זון,
ווי א גאָלדן געטראַנק...

אין געלאָף פון די טעג
פייקלען טונקעלן גאָלד
אויף קופּערנעם לייב.
פון קילן קופּערנעם גלאַנץ
פורעמען פון זון אַזאַ טאַנץ.

פון אינדיש גאָלדענער פרייד
האָט זון פאַרצויגן אַ קייט.
שפּליטערט גאָלדענעם שרויט
אויף נאָוועמבער טעג.
דערפאַר אַזאַ גאָלד, אַזאַ רויט...

# זונען

אויף גייענדיקע שיפן, אויף לויפנדיקע באַנען
האָבן מענטשן זיך אַ לאָז געטאָן צו די בלויע ימען.
מיט בלאַסקייט אין די באַקן, מיט שווערקייט אין די לייבער—
צו די בלויע ים׳ען, מיט קינדער און מיט ווייבער...
מיט דינע פּיס, שווערע בייכער, פּלאַכע ברוסטן —
צו דער זון זיי ציען זיך מיט קייכנדיקע הוסטן...
אין איין טאָג די גאַנצע זון איינזאַפּן אין גלידער —
מאָרגן וועלן זיי ווידער זיצן אין שעפּער און אין גריבער...

אויף גייענדיקע שיפן, אויף לויפנדיקע באַנען
פאָרן מענטשן אַהיים פון די בלויע ימען...
מיט זונען אויף די הענט, זונען אויף די ליפּן,
לאַכט מען אויף די באַנען, לאַכט מען אויף די שיפן...
אַלע אויגן לויכטן, אַלע באַקן פלאַמען.
מען פירט אַהיים די זון פון די בלויע ימען...
די זון צעשפּליטערט פירט מען אין די היימען,
יונגוואַרג אין די באַקן, אין קנייטשן פון די זקנים.
אַ קינד צעוויינט זיך אויף אַ שויס פון אַ מאַמען,
נעמט זי אַרויס אַ ברוסט אַ זוניקע אין פלאַמען...
אויף דער ברוסט אַ הענטל, די מאַמע מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן.
דאָס קינד שלאָפט איין אַ זוניקס, די ליפּלאַך זויגן.
פאַרליבטע פאָרלאַך מיט לייבער צוגעצויגן,
מיט הענט פאַרפלאָכטן, מיט זונען אין די אויגן...
עס וויגן זיך די שיפן, עס וויגן זיך די באַנען
אויף יעדן פינגער, יעדן פּנים — אַ זון פאַראַנען...

# אינהאַלט


## I.

לאמיר גיין — 5
דו ביזט ניט געקומען — 6
היינט ביינאכט — 7
פארטאג — 8
אויף ליידיקע גאסן — 9
די בריק — 10
באַליידיקט — 11
מיט פיין און מיט פראסט — 12
ווי אין חלום — 13
פרוי — 14-15
ביזט דא — 16
הימלים — 17
דערווארטונג — 18
אין מיין גארטן — 19
אין וואכעניש — 20
שאטן זיך איין — 21
זונפארגאנג — 22
ניטא אזא ווארט — 23
מיין ליבער — 24

## II.

געזאנגען רות — 26-38

## III.

קינדער מיינע — 41
פרימארגן — 42
דארף און שניי — 43
שטויב — 44
פארנאכט—דאס פאסטוכל — 45
דער וואסער גלאק — 46
רעפלעקסן — 47
אין ברונען — 48

## IV.

מאמעס:
געזאנג פון אלטע באבעס — 51
לבנה־פעדים — 52
טריט — 53-54
כמארעס קינדערלאך — 55
א מאמע — 56
צווייטע מאמע — 57
דריטע מאמע — 58
פלעפער־פרוי — 59
שניטער־טאנץ — 60
פיין־געשריי — 61
שלאפגעטראנק — 62
רויטע ווענט — 63
טויטע באבעס — 64

## V.

דורך מיין ליד — 67
מאגדאלין — 68
ווער קאן מעסטן — 69
נאסן־רוף — 70
נאכט־געשטאלט — 71
אין נעפלעכט פון טאג — 72
פערד — 73
צו א פרוי — 74
אין פרעמדן ועמד — 75
דורך פינצטערע טירן — 76
פארטרעט — 77
מיט שטילע טריט — 78

## VI.

אין יעזוס' נאמען —
דער גנב — 82
מיין טויט שוועסטערל — 83
טעפ — 84
קעץ — 85
געוויין אויף אקסלען — 86
די משונענע — 87
אקסן — 88
העק — 89

## VII.

דער גאלדענער פויגל — 93-94
רויטע פארנאכטן — 95
קינדער מיט ווייסע הענט — 96-97
קויפט פאפיראסן — 98
גייט שלאפן — 99
א בוים צווישן קברים — 100
דער העלד — 101
א שטיין — 102
דערוואכונג — 103
קריג־שיפן — 104
אין באן — 105
אוי האט מען געהוליעט — 106

## VIII.

מינדל — 109—128

## IX.

דאס שטיינערנע פנים — 131-132
פון קרייזלערס בילדינג — 133
מיטאג־ברויט — 134
מיטנאכט אין זאאלאגישן גארטן 135-136
פינצטערע האטעלן — 137-138
נאכט פון טרויער — 139
אין מעדיסאן סקוועער גארדן — 140
אויף רויטן סקוועער — 141
א צייכן — 142
דארטן — 143
מיידלאך — 144
פרימארגן צו דער ארבעט — 145
אין שאפ — 146-147
ווי א ציגיינערן — 148
מאטראסן — 149
א גאס — 150
טשאנג־לינג — 151
גאטס שווארצער לאם — 152
צום זיננענדיקן טורעם — 153-154
צוויי מינוטן פינצטער — 155
ארבעטסלאזע — 156
אינדיאנער זומער — 157-158
זונען — 159